# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

**נומער 8 • מאנטאג, ו' כסלו תשפ"ז • 16טן נאוועמבער 2026 • די וואך פון פרשת ויצא**

וַיְהִי כָל הָאָרֶץ שָׂפָה אֶחָת וּדְבָרִים אֲחָדִים

בראשית י"א, א'



אין דעם נומער


**אמעריקא און די אידישע שפראך**
ונבנתה העיר • הויפט־ארטיקל

**ווען איך האב נישט וואס צו שרייבן**
זאלצוואסער • איבערלעבונגען

**די שפראך וואס וואנדערט**
א שמועס פון קאווע שטיבל

**די שפראך פון קאווע שטיבל**
לאשיצער • וויסנשאפט

**צייטונגען — א בליק אויפן עבר**
לבונה זכה • היסטאריע

**שטום שפראך**
שאץ מאץ • הומאר

נומער 8 • מאנטאג, ו' כסלו תשפ"ז
16טן נאוועמבער 2026 • די וואך פון פרשת ויצא

# ארכיוו

הקדמה

# מאמע־לשון: א נומער וועגן ווערטער

א גוטן מאנטאג, טייערע לייענער!

דער היינטיגער נומער האט א טעמע וואס מיר אלע טראגן מיט זיך יעדן טאג, אפילו ווען מיר שווייגן: די שפראך. ווי רעדט מען, ווי שרייבט מען, פון וואנעט קומען אונזערע ווערטער, און וואס טוט מען ווען עס פעלט א ווארט?

מיר הייבן אן מיט „ונבנתה העיר", וואס פירט אונז אויף א שפאציר דורך דער געשיכטע פון אידיש אין אמעריקא: פון די אימיגראנטן פאַרן שופט, דורך דעם אידישן טעאטער און ראדיא, ביז יאסעלע ראזנבלאט'ס באזוך ביי טשארלי טשאפלין. „לאשיצער", א לינגוויסט, ווייזט וואס א וויסנשאפטלער זעט אין דער שפראך פון קאווע שטיבל – ביז צו דעם פלאץ פונעם ווערטל „צו" – און דער עולם פרעגט אים אויס.

„זאלצוואסער" דערציילט ווי עס זעט אויס ווען א שרייבער האט נישט וואס צו שרייבן, און ווי ער פארט זוכן א מעשה ביי א געז סטעיִשן. „לבונה זכה" בלעטערט אין די פארגעלטע בלעטער פון „קול מחזיקי הדת", און „ליטוואק פון בודאפעסט" פרעגט פארוואס עס איז דא ביי אונז אזוי ווייניג פיקציע.

אינמיטן נומער קריגט מען זיך: איז אידיש א דייטש וואס אידן האבן בכוונה איבערגעמאכט, אדער איז זי געוואקסן פון זיך אליין? און צום סוף לערנט אונז „שאץ מאץ" די שטום שפראך פון שול, וואס יעדער קען און קיינער האט קיינמאל נישט געלערנט. דערצו: פערל פון די ארכיוון, „היינט מיט . . . יאר צוריק" (דריי פינטלעך, און א מעק פון 2004), און די תגובה פון דער וואך.

אלע שטיקער זענען אויסגעקליבן פון די ארכיוון און מגיה געווען לויט די כללים פון אויסלייג און גראמאטיק. דער טעקסט איז געבליבן ווי די שרייבער האבן אים געשריבן, אויסער די תיקונים וואס די כללים פאדערן; וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט [פארקירצט]. גוט לייענען!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער

| | | |
|---|---|---|
| הויפט־ארטיקל | אמעריקא און די אידישע שפראך • ונבנתה העיר | 3 |
| וויסנשאפט | נייער ארטיקל איבער דער שפראך פון ק"ש • לאשיצער, רימון, ישראל קאפקע און אנדערע | 7 |
| איבערלעבונגען | ווען איך האב נישט וואס צו שרייבן • זאלצוואסער | 10 |
| היסטאריע | צייטונגען – א בליק אויפן עבר • לבונה זכה | 13 |
| א שמועס פון דער וואך | די שפראך וואס וואנדערט • פריוויליג, דעת תורה, שמערל און אנדערע | 15 |
| קולטור • ליטעראטור | פיקציע – שרייבן און לייענען • ליטוואק פון בודאפעסט, מיומן און אנדערע | 18 |
| הומאר | שטום שפראך • שאץ מאץ | 21 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 23 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 25 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • מי אני | 27 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 28 |

הויפט־ארטיקל

# אמעריקא און די אידישע שפראך

ווי אזוי איז אידיש אנגעקומען קיין אמעריקא: פון די אימיגראנטן פארן שופט, דורך „חוצפה“ אין די ענגלישע ווערטערביכער, ביז יאסעלע ראזנבלאט ביי טשארלי טשאפלין און דעם אידישן טעאטער אויף דער צווייטער עוועניו.

פון **ונבנתה העיר**

קאווע שטיבל • מייסטערווערק • „אידיש אין די פאראייניגטע שטאטן (אסיף)“ • 13טן נאוועמבער 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11081.html

איך האט שוין אודאי געהערט כמה ווערטלעך איבער די אידישע אימיגראנטן וועלכע האבן זיך איינגעג'חזר'ט די תירוצים וואס מען דארף דעם שופט דערציילן; ווי אלט מען איז, וויאזוי מען איז אנגעקומען צום גאלדענעם לאנד, און – נישט קענענדיג קיין ענגליש – פארדרייעט דעם סדר.

האו אלד אר יו?

פייוו.

האו מעני טשילדרען דו יו העוו?

פארטי סעווען.

עם איי קרעזי, אור אר יו?

באוט... [ביידע\שיף].

אבער דער סיפור וויס איך טאקע איז א מעשה שהי':

אין די איסט-סייד איז געווען א באקאנטער פאר-פאלק, יאסל און גיטל שטיינבערג. אזעלכע פארצייטישע דמויות געווען, צוזאמען האבן זיי געפירט א בוטשער סטאר.

זי האט געהייסן די גריבענע פון די צוויי, איז ווען מען האט זיך געדארפט שטעלן פארן שופט צו ווערן אמעריקאנער בירגער און ער האט דאך קיין ווארט ענגליש געקענט, איז ער געבליבן אינדרויסן און זי איז אריין אינעווייניג.

ווי זי הייבט אן רעדן האט דער שופט געכאפט דעם מצב, האט ער געענטפערט אין א געשמאקן אידיש.

יאסל, קום אריין! שרייעט זי ארויס, ער רעדט דאך אידיש!

שוין, יאסל שטייט פארן שופט וועלכער פרעגט אים אלע שאלות פון א צעטל ארויס.

דו גלייכסט די קאנטרי? פרעגט ער.

ניין, ענטפערט יאסל.

וואס איז מיט דיר, נעמט זי זיך שרייען, דו גלייכסט נישט אמעריקא?!

אמעריקא גלייך איך זייער. די קאנטרי גלייך איך נישט...

מעשה שהי'.

עס ברענגט גוט ארויס טאקעביידע זייטן פון דער מטבע; דער פרישער אימיגראנט וועלכער קען קיין ווארט ענגליש, און דער הויכגעשעצטער שופט וועלכער רעדט א זאפטיגן אידיש.

## פון וואנעט שטאמט עס 'אידיש' בבלל?

אידיש איז בעיקר געבויעט אויף דייטש אריינגעמישט אין זיך פארשידענע אנדערע שפראכן. אינעם 10'טן יאר-הונדערט איז שוין געווען אוועקגעשטעלט אין דייטשלאנד א באדייטענד אידיש לעבן - אידן וועלכע זענען שפעטער בא'טיטול'ט געווארן 'אשכנזים'. צביסלעך האבן די אידן פארקנעטן און פאר'אידיש'ט דעם דייטשן שפראך און עס קונה געווען פאר זיך.

די ערשטע דערמאנונג פון אזא שפראך וואס מיר האבן איז פונעם 12'טן יאר-הונדערט, און באציעט זיך צו איר ווי 'לשון אשכנז' אדער 'טייטש'.

'טייטש' קומט פון דעם ווארט tiutsch וואס מיינט 'מיטל-הויך דויטש'. שוין, ווייסט איר שוין די טייטש פון טייטש...

פון דארט זענען זיי פארשפרייט געווארן על פני כל הארץ. דער חת"ס שרייבט [דרשות דף ק' ע"א]: הנה אחינו אנשי פלוניא המה דרים במדינה אשר כל עמה מדברים שפת פולין וליטויא ורוסיא, ואינם מכירים כלל בלשון אשכנזי, והיהודים כולם להיותם גולי אשכנז שלופי גזירות תתנ"ו [וועלכע איז געווען בשנת 1096] עודם מדברים בלשון עמם אשכנז כאשר בראשונה ולא נשתנה ללשון העמים אשר הם יושבים בקרבם.

גראדע איז דאס פריעסטע געשריבענע שטיקל אידיש וואס מיר האבן היינט פון קהילת ווארמס [וורמייזא] וועמענ'ס צרות בגזירות תתנ"ו מען דערמאנט תשעה באב ביי די קינות.

עס איז א וואָרמס'ער מחזור פֿון יאר 1272, אין די גרויסע אותיות פֿונעם ערשטן ווארט פֿון תפֿילת טל איז אריינגעצייכנט א שורה אויף אידיש: גוּט טַק אִים בְּטַגָּא שְׁ וַיר דִּיש מַחֲזוֹר אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת טְרַגָּא – זאל א גוטן טאג אים קומען דער וואס טראגט דעם מחזור אין שול אריין. 'אידיש' דהיינו: מיטל-הויך דויטש געשריבן מיט אותיות פֿון לשון הקודש.

דאס איז דער סיפּור וואס איז מער ווייניגער אנגענומען ביי די לינגוויסטן.

לעצטענס אבער איז אדורכגעפֿירט געווארן א שטודיע דורך א טיעם פֿון דעם בריטישן שעפֿילד יוניווערסיטי וועלכע באנוצן זיך מיט ספּעציעלע טעכניקן צו פֿארבינדן די ען עי מיט פֿיזישע געאגראפֿיע. זיי טענה'ן אז אידיש איז געשאפֿן געווארן אויף דעם אור-אלטן האנדל'ס וועג, 'די סילק ראוד', ערגעצוואו אין צפֿון-מזרח טערקיי, עס איז צושטאנד געקומען דורך די האנדלונגען פֿון איראנער און דייטשע אידן.

לויט זיי גיבט דאס צו פֿארשטיין פֿארוואס די שפּראך האט 251 ווערטער פֿאר די טערמינען 'קויפֿן' און 'פֿארקויפֿן'.

איך וואלט געקענט באשטיין צו זען די ליסטע...

עכ"פּ, לאמיר צוגיין צו אונזער סוגיא: די אידישע שפּראך אין די פֿאראייניגטע שטאטן.

עס איז וואויל-באקאנט ווי געוויסע אידישע ווערטער האבן זיך אפֿיציעל אריינגעכאפּט אינעם ענגלישן לעקסיקאן, און ערשיינען אפֿי' אין דיקשאנערי.

דער מערסט-באקאנטער איז מן הסתם 'חוצפּה'. עס איז שוין פּראמינענט ערשינען אויף די ערשטע זייטן פֿון בארימטע אויסגאבעס, א שטייגער ווי דער 'טיים' מאגאזין.

לעצטענס איז געווען אין די נייעס ווי דער געוועזענער קאנדידאט פֿאר פּרעזידענט טעד קרוז האט זיך עטוואס פֿארפּלאנטערט ווען ער האט באוואשן דאנעלד טראמפּ: "פֿאר אים [טראמפּ] צו מאכן אזא אטאקע – צו נוצן א ניו יארק'ער טערמין – איז שפּיץ חוצפּה".

'חוצפּה' איז פֿארשטייט זיך נישט א ניו יארק'ער טערמין, נאר א אידישער. און ארומטוישן ניו יארק מיט אידן איז עפּעס נישט אזוי סעמיטיש-קארעקט.

## 'חוצפּה' איז פֿארשטייט זיך נישט א ניו יארק'ער טערמין, נאר א אידישער.

אזוי זענען דא עטליכע באקאנטע ווערטער. דער אמת איז אבער אז עס זענען דא ליסטעס פֿון אזויפֿיל ווי איבער 200 אידישע ווערטער וועלכע ווערן גענוצט אין ענגליש צו פֿארשידענע שטאפּלען.

די עיקר סמעטענע פֿון דער אידישער שפּראך אין אמעריקא ליגט אבער אודאי אין דעם ערשטן האלב פֿונעם 20'סטן יאר-הונדערט. דאן ווען דער רב און דער האליוואוד שפּילער האבן ביידע גערעדט דעם זעלבן זאפֿטיגן אידיש פֿון 'דערהיים'. דאן ווען 'בשר כשר' אויפֿן פֿענסטער האט געמיינט אז קוים א גלעזל וואסער קען מען דארט נעמען.

דער רידב"ז איז א שטיק צייט געווען רב אין שיקאגא. אין יאר תרס"ד האט ער דארט געדרוקט זיין ספר 'נימוקי רידב"ז', אין דער הקדמה רעדט ער זיך געפֿערליך אפּ אויף אמעריקא, בתוך הדברים טענה'עט ער אזוי:

"והעם לא שם אל לבו מי הוא השו"ב ומי הוא הבוטשער ומי הוא הרב המשגיח עליהם, וסומכים על מאמר העולם "אז מי רופֿט איהם מענדיל מעג מען עסן פֿון זיין פֿענדיל" (ופלא גדולה עליהם א"כ כמו כן, אז מי רופֿט איהם יעוואן מעג מען עסן פֿון זיין פֿאן)".

אה, וואו נעמט מען די גאלדענע יארן...

מיליאנען אידישע אימיגראנטן זענען אנגעקומען אין די פֿאראייניגטע שטאטן. זיי האבן זיך באלד אריינגעקוועטשט און איבערגענומען די לאוער איסט-סייד פֿון מאנהעטן צוזאמען מיט די איטאליענער און איירישע אימיגראנטן.

יעדער פֿון די דריי האט זיך גענומען זיין ענין. די אידן זענען געווארן די קאמידיענס, די איטאליענער די זינגער, און די איירישע האבן געטון די פֿיזישע ארבעט.

אן אלטער איירישער ווארט זאגט:

מען האט אונז געזאגט אז די גאסן זענען פֿון גאלד געפֿלאסטערט.

דערווייל גאר זענען טייל אינגאנצן נישט געווען געפֿלאסטערט.

דערנאך האבן זיי אונז געזאגט מיר זאלן עס פֿלאסטערן...

[פֿארקירצט]

אין 1842 ווערט שוין געדרוקט 'איינע מיניאטור אויזגאבע', א קליין סידור'ל ספּעציעל פֿאר די וואס פֿארן 'למדינת אמעריקא'.

א דעטאלירטע מאפּע פֿון די פֿאראייניגטע שטאטן ווערט פּראדוצירט אין אידיש.

אין 1892 ווערט די אמעריקאנער קאנסטיטוציע איבערגעזעצט און אפּגעדרוקט אויף אידיש 'מיט היסטארישע, פּאליטישע אונד פֿיליזאפֿישע בעמערקונגען'.

די נאציאנאלע הימנע – די סטאר ספּענגעלד בענער – ווערט איבערגעזעצט פֿאר די פֿרישע בירגער. א ניגון וועלכע יאסעלע

ראזנבלאט וועט אפזינגען אויף די טרעפ פון דעם פובליק לייברערי אויף די 42'סטע גאס און פיפטע עוועניו פאר צענדליגע טויזנטער צו שאפן געלט פאר דעם ערשטן וועלט קריג עפארט.

ביים ענדיגן וועט דער שוועבנדיגער המון אים צווינגען עס צו זינגען א צווייטן מאל.

מען קען אבער נישט עסן קעסט ביים שווער אויף אייביג – כי לא לעולם חות"ן.

צעביסלעך האט דער עולם זיך געזעצט לערנען ענגליש. אין 1910 האט אלכסנדר הארקאווי, א אידישער שרייבער און לינגוויסט, געדרוקט די אלענדארפ'ס מעטאדע זיך אליין אויסצולערנען ענגליש.

די באורד אוו עדזשיוקעישאן אין קליוולאנד האט זיך געבעטן 'קומט אין פאבליק סקוהל לערנען די אמעריקאנער שפראך'.

איך מיין אז דער שלב וואן מען האט געשריבן גאנצע זאצן פון ענגליש מיט אידישע אותיות – בגופן שלנו – האט אן עקסטערע חן.

די באקאנטע איסט-סייד שילדן איבער 'מענס אונד בויעס' צייגן איבער א ספעציעלער שטאפל אין דעם אידישן איינגלידערונג אין אמעריקא.

אידישע ראדיא האט אויך פארנומען א ברייטן ארט ביי אידן אין דעם נייעם וועלט.

איין אינטערעסאנטער פראגראם האט אנגעפירט הרב שמואל אהרן רובין ז"ל פון די 'אגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים' אין מאנהעטן.

אסאך אידישע אימיגראנטן וועלכע האבן סיי נישט געקענט די שפראך און סיי נישט געהאט דאס געלט צו האנדלען מיט דעם לעגאלן סיסטעם האבן נישט געהאט ווער עס זאל זיי אויסגלייכן ביזנעס דיפערענצן.

הרב רובין האט געגרינדעט די 'דזשואיש אמעריקען קאורט אוו פיעס ענד דזשאסטיס'. ער האט אויפגענומען ביידע צדדים אין דעם אויבנדערמאנטן מושב זקנים און די פארהאנדלונגען זענען געבראודקעסט געווארן אויף די אידישע ראדיא.

א געדאנק...

קען מען דאך נישט קומען צו א שלוס אן דערמאנען די גרויסארטיגע אידישע טעאטער אין אמעריקא.

[פארקירצט]

פון די גרעסטע 'היטס' איז דער אידישער פאלק'ס-ניגון א-לי א-לי למה עזבתני.

דער גרעסטער טענאר אין היסטאריע, דער איטאליענער ענריקאו קארוסאו וועלכער האט געזונגען אין די אפערע הייזער פון איראפע און די אמעריקאס און ווערט פארעכענט אלס דער ערשטער אינטערנאציאנאלער סעלעבריטי, האט געהאט די זכי' צו זיין אנוועזנד ווען יאסעלע ראזנבלאט ז"ל האט געזונגען דעם 'א-לי א-לי' צו שאפן געלט פאר דעם ערשטן וועלט קריג.

ווען דער מלך החזנים, החסיד המרומם יאסעלע, האט געענדיגט דעם שמע ישראל ה"א ה' אחד האט דער איטאליענער זיך אויפגעשטעלט פון ארט און געקושט יאסעלע.

איינע פון די געלונגענסטע קאמעדיע-פארשטעלונגען איז געווען 'דער דזשעז זינגער'. א זון פון אן אלטן ערליכן חזן וועלכער איז בעוה"ר געווארן א דזשעז זינגער.

אין די 1920ס האבן די באקאנטע ווארנער ברידער פארלוירן גרויס געלט אויף זייערע שטימע פילמען וועלכע האבן נישט געהאט קיין קול.

אין 1927 האבן זיי מחליט געווען אויסצופרובירן די שפאגל-נייע טעכנאלאגיע אפצוכאפן פילם מיט איר אייגענע קול. צוליב איר פאפולערקייט האבן זיי אויסגעקליבן דער דזשעז זינגער צו זיין דער ערשטער רעדוועדיגער פילם אין היסטאריע.

די ווארנער ברידער האבן אראפגעשיקט א שליח צו יאסעלע און אים אנגעטראגן צו שפילן דעם אלטן חזן פאר דער סומע פון הונדערט טויזנט דאלער.

אבער יאסעלע האט ווי באקאנט זיך אפגעזאגט פון ערפילן די ראלע פון אן אקטיאר פון כל הון דעלמא. נישט לאנג צוריק האט ער פארכאפט די נייעס אין אמעריקא ווען ער האט אפגעזאגט א פארשלאג פון דער אפרע אין שיקאגאו פאר א טויזנט דאלער א נאכט.

די ווארנער ברידער זענען אבער געווען אויסן צו האבן יאסעלע אין דעם פילם וועלכע וועט ראטעווען זייער עתיד. נאך פארהאנדלונגען האט יאסעלע מסכים געווען זיך צו פילמירן 'ווי זיך אליין', ווי ער טרעט אויף ביי אן אייגענעם קאנצערט אלס יאסעלע ראזנבלאט.

פאר דעם שטיקל האבן אים די ברידער באצאלט דרייסיג טויזנט דאלער, און אים אראפגעברענגט קיין האליוואוד אויף עטליכע וואכן פון פילמירן - אויף זייערע קאסטן.

נא, אז מען איז שוין אין האליוואוד איז דאך א שאד נישט אויסצונוצן די צייט...

יאסעלע איז געווען א הייסער חסיד, פע"ן בלע"ז, פון דעם וועלט-בארימטן קאמעדיע-אקטיאר טשארלי טשאפלין וועלכער האט דאן געוואוינט אין האליוואוד, קאליפארניע.

יאסעלע בעט זיין זון לוי יצחק זאל אנקלינגען טשאפלין אויפן טעלעפאון און זען צי מען קען אפשר אריבער קומען אויף א באזוך.

וואס פאר א פראגע, זאגט טשאפלין, און ער שיקט נאך ארויס זיין קאר און דרייווער אפצונעמען יאסעלע און זיין סוויטע.

טשאפלין נעמט אים אויף מיט א ברייטן שמייכל:

וועלקאם טו מיי האום קאונטאר ראזענבלאט, זאגט ער מיט זיין ענגלישן אקצענט, איי עם וועריי העפי טו סי יו. איי העוו הירד סאו מעטש אבאוט יו, ענד איי העוו טהאוט ווען איי וויל איי העוו דע אפערטוניטי טו מיעט יו.

די צוויי האבן ווארעם פארברענגט פאר א לענגערע צייט און זיך אפילו געלאזט פאטאגראפירן.

און דאן גייט טשארלי צו צום גראמאפאון, ער שטעלט אריין א רעקארד און ציעט עס אן.

דו דערקענסט די שטימע? פרעגט ער דעם גאסט.

עס איז געווען יאסעלע'ס אמר רבי אלעזר... לא פחות ולא יותר.

איך האב אלע דיינע רעקארדירונגען, זאגט טשאפלין, ווען ס'איז מיר שווער אויפן הארצן ציַנד איך זיי אן.

על כל פנים, די אידישע טעאטער איז געווען אן אויסערגעוויינליכער סוקסעס. א גאנצער דיסטריקט האט זי געהאט אין דעם געגענט פון דער צווייטער עוועניו, אין די צייטן פונעם ערשטן וועלט קריג האט זי געקענט האבן א 20-30 שאוס א נאכט, און איז פארעכענט געווארן ווי די בעסטע טעאטערן אין שטאט.

[פארקירצט]

איך מיין אז מען קען זאגן אז די אידישע שפראך האט ארגומענטליך געזען אירע שענסטע צייטן אין דעם 20'סטן יאר-הונדערט אין די פאראייניגטע שטאטן. איך מיין אין די טערמינען ווי ז׳ איז געווארן א טייל פון דעם מעין-סטריעם לעבן און אפיציעל אנערקענט.

עס איז קאמיש אז די זעלבע אומשטענדן, ברייטע פרייהייטן, אסימילאציע, און פארגעסן דעם טאטנ'ס רעליגיע, ברענגען אז די פאראייניגטע שטאטן זאל אויך ווערן די בית הקברות פאר דער אידישער שפראך.

די איראניע געטער לעקן זיך די פינגער.

וויסנשאפט

# נייער ארטיקל איבער דער שפראך פון ק"ש

א לינגוויסט אויף קאווע שטיבל האט אויסגעפארשט די שפראך פון דעם פארום: ווען שרייבט מען „איסצורערכענען“, און ווען „צו אויסרערכענען“? דער עולם פרעגט, און ער ענטפערט.

פון **לאשיצער, רימון, ישראל קאפקא און אנדערע**

קאווע שטיבל • שפראך און גראמאטיק • „נייער ארטיקל איבער דער שפראך פון ק"ש“ • 31סטן מאי – 15טן יוני 2020
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13880.html

**לאשיצער** • 31סטן מאי 2020

סוף כל סוף איז ארויס מיין ארטיקל איבער דער שפראך פון קאווע שטיבל! דער ארטיקל גיט איבער אסאך אינפארמאציע וועגן חסידיש אידיש און חסידישע פארומס, מיט ציטאטן פון ק"ש שרייבערס. [פארקירצט]

דער ארטיקל באהאנדלט איין אספעקט פון חסידיש אידישן סינטאקס (ווערטער-סדר): וואו מ'שטעלט אוועק דאס ווארט "צו" אין ווערבן מיט קאנווערבן. ("קאנווערבן" זענען: אריין, ארויס, איבער, אונטער, צוריק, אהיים, צאם וכו'). צום ביישפיל: ווען שרייבט מען "איסצורערכענען" און ווען שרייבט מען "צו אויסרערכענען"? ווען איז צייט "אויפצופיקן די קינדער" און ווען "צו אויפפיקן די קינדער"? דער סטאטיסטישער אנאליז ווייזט אן אויף די פארשידענע פאקטארן וואס האבן א השפעה צי מ'שרייבט "קאנווערב-צו-ווערב" (די אפטערע, עלטערע פארמע) אדער "צו קאנווערב-ווערב" (די נייערע פארמע).

**לאשיצער** • 2טן יוני 2020

[פארקירצט]

דער גרעסטער טייל פון ארטיקל איז טאקע זייער טעכניש, אבער כ'האלט אז דער צווייטער חלק (זייט 3 ביז 5 אינעם פי.די.עף.) קען אינטערעסירן די חברי השטיבל. חלק ב' באשרייבט די געשיכטע פון היימישע פארומס בכלל און ק"ש בפרט און ערקלערט וויאזוי דער אינטערנעט האט געשאפן נייע געלעגנהייטן פאר חסידים צו שרייבן אויף אידיש.

**לאשיצער** • 2טן יוני 2020

די לעצטערע ארבעט פון 2018 (מיין דיסערטאציע) קען איך נאכנישט פאוסטן דא אויף ק"ש ווייל איך דארף נאך פארוואנדלען די קאפיטלען אין באזונדערע ארטיקלען. די דיסערטאציע באהאנדלט דאס געררעדטע אידיש ביי חסידים און ביי אידישיסטן אין ניו יארק און אנאליזירט די חילוקים אין פאנעטיק (קלאנגען) און גראמאטיק צווישן די צוויי גרופעס. ס'האט א שייכות מיט ק"ש ווייל איך האב דא רעקרוטירט חסידישע מענער צו אינטערוויוּאירן.

**רימון** • 3טן יוני 2020

@לאשיצער איך שעץ זייער דיין ארבעט.
מיין פראגע איז, ווער איז דער געצילטער אוידיענץ פאר אזא ארטיקל. איך און מסתמא דאס מערהייט פון קאווע שטיבל מיטגלידער, האבן נישט פארשטאנען אף מילה אחת וואס שטייט אין דעם ארטיקל. ווידעראום מענטשן פון דער אקעדעמישער וועלט וואס פארשטייען וואס איר זאגט, ווייסן זייער ווייניג איבער קאווע שטיבל, איבער חסידישע אידיש, איבער דער "היימישער" קולטור און שפראך, איז פאר וועמען שרייבט איר? ממש תורה לשמה?

**לאשיצער** • 3טן יוני 2020

@רימון א דאנק! איך האב דאס געשריבן פאר לינגוויסטן און פראבירט צו געבן גענוג קאנטעקסט איבער דער אידישער שפראך און חסידישע פארומס אז זיי זאלן דאס קענען באנעמען. לינגוויסטן זענען צוגעוואוינט צו לייענען ארטיקלען איבער אינטערעסאנטע גראמאטישע אספעקטן אין אלע לשונות (מער ווי 70...) און מ'קען אלעס פארשטיין אבי דער שרייבער גיט גענוג קאנטעקסט און זעצט איבער יעדעס ווארט פון דער אריגינעלער שפראך.

דער ארטיקל איז דורכגעגאנגען עטליכע רונדעס "peer review", ד"ה, קאלעגן אין פעלד פון לינגוויסטיק (מ'זאגט נישט אויס ווער זיי זענען) גיבן קריטיק און שטעלן פראגעס און איך דארף זיי באפרידיגן איידער דער פארלאג וועט ארויסגעבן דעם ארטיקל. עס מאכט זיך אפט אז איין רעצענזענט ווייסט עפעס וועגן אידיש/אידן, אבער נישט אין אלע פעלער.

**ישראל קאפקע** • 3טן יוני 2020

פארוואס מאכסטו אזוי אוועק די מעגליכקייט אז דאס איז פשוט א רעזולטאט פון ענגליש וואס שטעלט אייביג קודם 'צו' און האט נישט אזא זאך ווי 'צו' אינמיטן? אלס א וויליאמסבורגער געבוירענער איז דאס א פענאמענאן וואס איך געדענק נישט פון אלס קינד אין חדר אבער יא שפעטער אין ישיבה אין בארעפארק צוליב איר אויפפאלנדקייט. אויב איך געדענק ריכטיג האט מען דאס אפט געקענט הערן פון ר' לייביש לאנגער (און מעגליך ר' פישל שעכטער) דורכאויס זייער heyday אין מיינע צענערלינגען.

**לאשיצער** • 3טן יוני 2020

ס'איז אן אינטערעסאנטע טעאריע. די מעגליכקייט קען איך נישט אזוי גרינג אוועקמאכן. אבער איך האלט אז מ'דארף ברענגען שטארקערע עווידענץ צו דרינגען אז דער טויש האט זיך אנגענומען אין אידיש אונטער דער השפעה פון ענגליש, און נישט אלס אן אינערליכע אנטוויקלונג אין אידיש זעלבסט. (ווייל נישט יעדער טויש אין אידיש איז א פועל יוצא פון קאנטאקט מיט אנדערע ארומיגע לשונות.)

קודם קען מען די סטרוקטור יא טרעפן אין עלטערע אידישע אויסגאבעס פון אייראפע, צב"ש אין דעם פירוש אויף בראשית יד פון א ספר וואס איז ארויסגעגעבן געווארן אין ווילנע אין שנת תרנ"ט (אבער איז אפשר פיל עלטער):

(פארגלייך: פון זיי נאך צו יאגן)

אויף ענגליש זאגט מען דאך "to take on" נישט "on to take" אדער "to on take". פארקערט, אויף אידיש קען מען זאגן אדער "אנצונעמען" (די אפטערע פארמע) אדער "צו אננעמען" (די זעלטענערע פארמע), נישט "צו נעמען אן". אויב די השפעה פון ענגליש ליגט בלויז אין דעם וואס "to" קומט פארן ווערב, איז דאס נישט קיין ראיה ווייל די זעלבע געשעט אין אידיש אויך: צו נעמען, צו עסן, צו טרינקען. האלט איך אז דער באנוץ פון "צו קאנווערב ווערב" (צו נאכיאגן) קען זיין אן אנטוויקלונג וואס איז פארגעקומען אין אידיש זעלבסט, לויט א אידישן מאדעל, לאוו דווקא לויט אן ענגליש מאדעל.

**ישראל קאפקע** • 3טן יוני 2020

איך זאג נישט אז דאס איז א גענצליך נייער ערשיינונג וואס איז קיינמאל פריער נישט באנוצט געווארן. עס איז זייער מעגליך אז דער ווילנער ביישפיל האט איין אורזאך, פשוט אלס דירעקטער איבערזעצונג פון מלרדוף, און דאס איז קיינמאל נישט אריין אין ברייטן באנוץ, און די יעצטיגע אפטע ערשיינונג אין אלגעמיינעם באנוץ (נאנט צו 15% אויף ק"ש, לויט דיין אויפפאסונג) שטאמט פון ענגליש. אנעקדאטיש, פון מיין אייגענע ערפארונג אין וויליאמסבורג און בארעפארק, קען איך זאגן אז דאס טרעפט מען נישט אין וויליאמסבורג, וואו צווייישפראכיגע פאמיליעס איז א זעלטנהייט און יא אין בארעפארק וואו א טייל קינדער וואקסן אויף מיט איינע פון די עלטערן וואס רעדן שווער, אדער זעלטן, אידיש.

אויסצוגעפונען צי דאס קומט טאקע פון ענגליש דארף מען נאכזוכן צי דאס טרעפט זיך אפטער אין בארעפארק אדער קראונהייטס ווי אין וויליאמסבורג, קרית יואל און סקווירא. איז דאס בכלל בנמצא אין ארץ ישראל און אין בעלגיע אדער נאר אין די פאראייניגטע שטאטן, קאנאדע, ענגלאנד און אויסטראליע.

**צפור בודד** • 15טן יוני 2020

שבת האב איך געליינט אייער ארטיקל און א דאנק אייך פאר אן אינטערעסאנטער פארשטארבעט.

אפשר קען איך מציע פאר אייער קומענדיגער ארבעט וויאזוי רעדנדיגער אידיש טויש זיך ביי חסידים, לאו דווקא די כללים נאר דאס באנוץ (usage). אט האט איר דריי דוגמאות אין דעם סדר פון זייער איינגוואורצלטקייט:

1. מאדאל ווערב "וועלן" צו "גיין" אפילו ווען ס'איז נישט באלד ערווארטעט. למשל, פון "זיי וועלן נישט בויען" צו "זיי גייען נישט בויען". אדער, "ס'גייט נישט פאסירן" אנשטאט "ס'וועט נישט פאסירן".

2. ווייניגער נוץ פון "אהער". "קום דא" אנשטאט "קום אהער".

3. ווייניגער נוץ פון פאזעסיוו. דער הויז פון מושי, ווי איידער מושי'ס הויז. דאס קען זיין מער אין ישראל וואו אויף עברית קען מען נאר זאגן, הבית של מושי.

**מי אני** • 15טן יוני 2020

[פארקירצט]

אויבנאויף האב איך געטראפן א קליינע משהו פאראלעל צווישן דער אינטערעסאנטער זאך וואס די שטודיע ווייזט, און דעם וואס איך האב געהאט באמערקט אויף דער געזעלשאפט אין אלגעמיין. דהיינו, מ'זעט אז ווי לענגער, ״בעסער״, און ״אנערקענט״ א שרייבער אויף קאווע שטיבל איז, אלס מער וועט ער נוצן דאס [קאנסערוואטיווע ״ריכטיגע״] PtoV וואריאנט. דאס איז אבער בו בעת וואס בכלליות איז דא א טרענד צו נוצן [טויש צו] דאס toPV וואריאנט. אין אנדערע ווערטער, דא זעט מען אז אלס אינדיווידואל פאר זיך [מייקרא לעוועל] ציט מען צו דעם ״מער אויסגעהאלטענעם״ וועג פון שרייבן PtoV, אבער אויף א מעקרא לעוועל רוקט זיך עס אבער צו toPV.

דאס (עכ״פ פאר דעם טאקע מסתבר'דיגע פאזיטירטע הסבר דערביי, אז די דאטא ווייזט נישט אויף דעם מעקרא toPV טרענד, מכח דעם וואס די עלטערע מעמבערס זענען שוין געווען/געווארן באהאוועוט אין שרייבן אידיש מעיקרא) איז אביסל ענליך צו דעם וואס כ'האב דא באמערקט לגבי דער חסידישער געזעלשאפט אין אלגעמיין. דהיינו, אז בשעת אויף א מעקרא לעוועל ציט די געזעלשאפט מער רעכטס, איז אבער דא (א באדייטענדע) טרענד ביי אינדיווידואלן פאר זיך צו ציען מער צו לינקס. דא ביי toPV/PtoV איז גראדע א שטיקל די אינווערס: דער אינדיווידואל ציט צום מער קאנסערוואטיוון וועג פון שרייבן.

יישר כח פאר אייער ארבעט. כ'האב גאר שטארק הנאה געהאט.

**לאשיצער** • 15טן יוני 2020

זייער אינטערעסאנטע הערות, @צפור בודד און @מי אני! יישר כח.

@צפור בודד, לגבי אייער פונקט 2 דארף מען שטעלן דעם טויש אין א גרעסערן קאנטעקסט:

פלאץ – ריכטונג פון – ריכטונג צו
דא – דאנען/דאנעט – אהער
דארט(ן) – דארט(ן) – אהין
וואו – וואנען/וואנעט – וואוהין (וואו אהין)

אויף וויפיל איך פארשטיי האט שוין דאס היימישע אידיש כמעט פארלוירן "פון דאנען" און "פון וואנען". מעגליך, אזוי ווי איר זאגט, ווערן די אנדערע פארמעס פארלוירן אויכעט.

איינער וואס זאגט "קום דא" וועט אויך זאגן "גיי דארט?" אדער "גיי אהין?"

@מי אני, קען זיין אז די צוויי טרענדס (טענדענצן/נטיות) זענען נישט היפוכ'דיגע. אמת, מ'קען זאגן אז די גרעסערע געזעלשאפט רוקט זיך מער אויף "רעכטס" אדער ווערט מער "פאליטיש קאנסערוואטיוו" (למשל, נישט דרוקן בילדער פון פרויען אין די צייטונגען). אבער דאס איז דאך אויך א טויש (לויט @אנאנים'ס פארשונגען). דער אינדיווידואל וועלכער האלט זיך מער "לינקס" לגבי בילדער פון פרויען איז בעצם מער "קאנסערוואטיוו" (היסטאריש) און דאס זעלבע קען מען (אפשר) זאגן וועגן איינעם וואס שרייבט "אויסצולעקן" און נישט "צו אויסלעקן". וואס מיינט איר?

איבערלעבונגען

# ווען איך האב נישט וואס צו שרייבן

„זאלצוואסער“ זיצט פארן בלאג, און עס וויל זיך נישט שרייבן. אלזא נעמט ער א רעקארדער און פארט זוכן א מעשה ביי דער אידישער געז סטעישן אין ווּאלערא.

פון **זאלצוואסער** • ערשט געשריבן אויף אייוועלט

זאלצוואסער • בלאג • „ווען איך האב נישט וואס צו שרייבן“ • 28סטן יאנואר 2013
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/225.html

איך זיץ אויפן בענקל און טראכט... וואס קען מען שרייבן אויף אייוועלט?

שוין דורך די היילִיגע טעג! תירוצים ביזן הימל פארוואס מ'קען נישט שרייבן! דערפרעסט בין איך ביז גאר עס קומען נישט אריין די קאמפלימענטן צו ערנערן דעם רייץ דערפאר, און איך ווייס דאך דעם אמת אז אויב נעם איך זיך נישט צום פעדער, וועט קיינמאל מער קיין קאמפלימענטן נישט קומען פון אייוועלט, אלזא איך מוז דאך עפעס טון דערצו.

נו וואס זאל איך טון אז איך שפיר מיך נישט ביכולת און פון דער אנדערער זייט האב איך נאך אנעימ'ל יעדן טאג פארנעמט ער דעם אויבן אן און שרייבט מיט א געגזנענעם פעדער, וואס די טינט איז עלעקטעראניש פארבינדן צום תהום פון טינט וואס ענדיגט זיך קיינמאל נישט און א מוח פון אייזן, איך קען דאך נישט צוריקבאקומען דעם אויבן אן אזוי.

פון דער אנדערער זייט שאץ ווארפט אריין זיינע השקפות, און ס'גייט אים קנאפ אן צו איר נעמט אן זיין מיינונג צ'י נישט אבער א רודער דרייט ער אן אז עס גייט א רויך און ער גייט ווייטער זיך גרייטן צו זיין נעקסטע מבצע אין ביזנעס כאילו ער האט גארנישט אריינגעווארפן אויף אייוועלט, און די פלאטשקע איז עד לב השמים.

שפיר איך זיך פארלוירן בין ההרים והגבעות...

איז מיר איינגעפאלן א געניאלן איינפאל... איך וועל גיין שפאצירן אין א גרויסן צענטער ווי עס דרייען זיך בני אדם ווי ביי כפרות שלאגן, און איך וועל מיך שוין זיכער באגעגענען מיט איימיצן וואס זאל טריגערן מיין כעס אדער וואוילזיין אז איך זאל קענען דעריבער שרייבן אן לאנגס און ברייט'ס אן דעם וואס עס זאל זיך אנשטאלפערן אין דער אייוועלט צעזוור.

ווי גייט מען אבער? אין שאפינג צענטער אין קרית יואל! נע נישט גוט! דארט וויל איך נישט זיין די טעג אפילו מ'צאלט מיר א באגאדזש מיט געלט, די מענער דרייען זיך מיט צעטלעך און פרובירן אויסצולייענען דעם ענגליש וואס די ווייבער האבן פארגעשריבן, און די ווייבער שלעפן זיך מיט די פיצעלעך אויף די הענט און אויף די וועגעלעך, און די מאטי'ס ווייסן קאר'ן טרעפעקירן ביז ווימסב"ג, מיט די טראקס און טרעילער דעליווערי'ס פון די בעק פון די שאפינג צענטער, איך ווער כעס'ג נאך פאר איך קום אן... אהין גיי איך נישט!

ווי יא? איך בין דאך א קרית יואל'ער דעם סוד ווייסט איר דאך שוין. דארף איך זיך באגעגנגן מיט פרובירן וואלערא געז סטעישן, דארט איז מיר גאנץ אינטערסאנט ווען עס איז דא פלאץ צו פארקן, הגם איך האב שוין דארט אויך אמאל פארלוירן שיער דעם באוואוסטזין ווען איינער האט געפארקט ביי א פאמפ פון געז און איך זע ווי ער שטייט און לייענט א "די וואך" מיטן גרעסטן רואיגקייט ווען אינדרויסן פארמירט זיך א ליין מיט קאר'ס אינטער אים וואס ווארטן ער זאל ארויסקומען. אבער איך וועל נישט קוקן ביי די געז פאמפ'ס איך וועל מיך גראד שטעלן אין ווינקל און פון דארט אריינשפאצירן אין געשעפט פונקט ווי די קאסטומער'ס וואס ווילן "יא" קויפן עפעס, און אזוי ארום אפשר דערשפירן א גוט שטיקל פאר אן ארטיקל.

איר פרעגט וואס איך מיין קאסטומער'ס וואס ווילן "יא" קויפן? אהא! סארררי פארן נישט זיין קלאר! געוויינליך קומט אן א ווען מיט אלע משפחה מיטגלידער אופן וגעו פון קאנטרי אדער פון די מאונטעינ'ס פאר א שבת וכו', און האלבע משפחה גייט צום ביה"כ און שטייט דארט אין די ליין ביז די קענדי'ס און דער טאטע גייט אריין ביי דער רעסטוראנט אפטיילונג ווי כאילו ער איז הונגעריג, און ער שמעקט אהער און שמעקט אהין ביז ער איינערקענט אז מיט אלע כוחות וועט ער יעצט נישט קענען ארייננשטופן אפילו א פיקל אין האלז... (ער דערמאנט זיך הערשט אז ארויספארנדיג האט ס'ווייב פארפאקט א ריסעס פעקל ווי איינער וואס פארט קיין סיביר פאר 10 יאר, און ער האט נאך נישט דערשפירט ווי ער ליידיגט עס אפ אינטערוועגנס)

דאס אשת חבר'ל דרייט זיך ארום ביי די דעניש'עס און זוכט דייעטיק דעניש'ס אדער ראגעלעך וואס נעמען אראפ וואג.

און ווען אלע זענען פערטיג זע איך ווי דער דרייווער/טאטע/אינגערמאן גיט אזא ציה מיטן נאז און א פארדרדיי די אויגן און באשלוסט אז "יא! ער קען אויך נוצן דעם ביה"כ" און געגאנגען....

דאס איז נאר איינער, און ווען דאס פאסירט מיט 6 7 אויף איינמאל, קענט איר זיך פארשטעלן אז והעיר "וואלערע" סמייטע...

אבער אז איך פאר לכתחילה פאר דזשורנאליסטישע ווערק דארף מען דאך האבן מסירות נפש, מאנכע פון מיינע קאלעגע רעפארטער'ס פארן דאך אויף אפגאניסטאן איראק איראן מיט מסירות נפש ממש, וועל איך פארן אויף וואלרא און פרובירן צו דערגיין עפעס גאססיפ.

היידא געפארן, איך צינד אן מיין קליינעם רעקארדער איך וויל דאך האלטן א פונקטליכן רעפארט. איך מאך א לינקס אויפן בריקל און איך בין אויפן געדרייטן ראוד און איך דריי זיך רעכטס.. איך האלט אפ טערפיק פאר אפאר מינוט ביז איך קען אריבערקרויזן צום וואלעראו אידישע געז סטעישן.

איך שפאציר ארויס גראד אויס דעם רעקל און טו אויס דעם הוטל און גרייט זיך אריינצומארשירן. אבער... איך שטעל זיך אפ... עפעס ציט מיך צו איין ווינקל ווי מ'נעמט לופט פאר די רעדער. איך מאך מיך ווי איך רעד אויפן טעלעפאן ביזדערוויל רעד איך אריין אין מיין רעקארדער און איך שפאציר ווי איינער וואס ווייסט נישט ווי ער איז ווייל ער איז אינמיטן א ביזנעס דיעל אויפן טעלעפאן, און איך שפאציר נענטער צו זען וואס דארט גייט פאר.

נישט קיין עקסטער'ס א ליבאוויטשער אידל האט זיך פשוט אפגעשטעלט צו דאווענען מנחה און ער וואשט זיך די הענט צו מנחה מיט אנטי פריז... איך וועל אים שוין באלד פרעגן צי דאס איז אן ענין... אבער איך עדמייר זיין מסירות נפש פאר א מצוה. אז עס איז גארנישט מער אינטערסאנט וועל איך מיך אוועק דרייען, אבער ווען איך הער די קולות פון די קינדערלעך אין קאר ווינדער איך זיך וואו איז דאס ווייב, פארוואס נעמט זי נישט די זאך אין דער האנט? אפשר גאר איז זי נישט מיט אים יעצט, איך קוק אהין און איך זע אויף דער אנדערער זייט קאר שטייט דאס ווייב און דאוונט... איך פארשטיי שוין, און איך שפאציר אוועק (ביטע נישט צענזורירן איר ווייסט נישט וועם איך מיין....)

[פארקירצט]

אקעי איך גיי ווייטער, עס איז נישטא קיין שטאף אין דער קופקע צו רעפארטן, וועל מיר גיין ווי דער עולם פארמירט זיך ארום דעם קעכער צו בעטן עפעס א געבראטנס. אפשר וועט זיך דארט מאכן עפעס א טומל וואס מ'קען דערויף מאכן צימעס.

שטייט א אידל אין די הויכע 60ער יארן און איז פארקוקט אויף א קיילאכיגן טונא שניצל, און נעמט נישט אראפ די אויגן... אה! ער איז מיר שוין עפעס אינטערסאנט, ער זעט עפעס וואס איך זע נישט! אזוי מוז זיין! ווייל דער שניצל בשל עצמו איז נישט אזוי אינטערסאנט צו גלאצן דערויף אזוי לאנג...

עס גייען דורך 2 שטילע אנגעצויגענע מינוטן און ער הייבט אויף דעם קאפ און לאזט ארויס א שווערן אטעם און פרעגט: זאג נאר! וואס איז דאס???? (אנעים דו ווייסט וואס איך מיין???)

דער סערווירער: וואס?

אידל: דאס!!!

סערווירער: וועלכע?

אידל: די אינטערשטע...

אה דאס? א טונא פאשיט...

אידל: א טונא פארוואס?

סערווירער: שניצל שניצל

אידל: אה! ענק פארקויפן נישט פליישיגס? עה?

סערווירער: ניין!

איך גיי מיר ווייטער עס זעט נישט אויס איך האב דא וואס צו זוכן. אז איד זוכט א מאכל איז בכלל נישט אינטערסאנט, עס איז העכסט נארמאל, און אז ער ווייסט נישט אז מ'פארקויפט דא נישט פליישיג'ס? איז וואס? פרעגט ער! ס'איז נאר נארמאל אזוי!

איך גיי צום אנדערן חלק אין געשעפט און דא ענטפלעקט זיך א בילד וואס איך דארף שוין מיין רעקארדער צו טעלעפאנירן.... שטייט א אידעלע און מעסט אפ צוויי פעקלעך קרעקער'ס איינס נעבן צווייטן, ער דרייט אהער און ער דרייט אהין... ער קוקט אויפן סימבאל ער זוכט און נישטערט, לייגט זיי צוזאם און מעסט פון דערווייטנס און פון דער נאענט. און מיט רעזיגנירטע טריט גייט ער צום אויבן אן און וויל עפעס פרעגן...

איך שפאציר מיט, איך מוז הערן די איבעיא, אפשר קען איך העלפן....

זאג נאר וועלכע פון די צוויי איז א מזונות?

ביידע

דו ווייסט אפשר דעם הכשר?

יא ביידע זענען וואלאווע איר קענט זען אויפן פעקל

ווער איז דאס דער וואלאווער? ער איז גוט זאגט מען?

יא זייער!

נו שוין

ער שפאצירט אוועק און נישט מער און נישט וויניגער, ער לייגט ביידע צוריק, און דרייט זיך אויס צום פרידזשידער, און פאנגט אן צו וועלן ווילן ויילן א טרונק. און איך האב נישט קיין געדולד צו נאך אזא שפיל גיי איך ווייטער.

ביי דעם אייזקריעם פריזער שטייט א איד און לייענט א צייטונג, און ער דעקט עס איבער מיט א קליפבאורד מיט רעסיט׳ס (ער זעט אויס דערליוועריט דא אהער זאכן און האט זיך אראפגענומען צייט צום לייענען. איך בלעים אים נישט ער ארבעט שווער) איך גיי נענטער צו זען וואס ער לייענט ווייל עס זעט מיר אויס ער לייענט לינקס צו רעכטס און איך וויל נישט האבן אומזיסטע חשדות.

ווי נענטער איך קום (פארשטייט זיך מיט מיין רעקארדער טעלעפאן, ביזי ווי א קאקערוטש) רוקט זיך זיין קליפבאורד מער און מער, ביז ווען איך בין שוין דארט קען זיך דאכטן אז קיין צייטונג איז קיינמאל דא נישט געלעגן. איך ווער שוין מער נייגעריג, וואס באהאלט ער דארט?

אה! א שפאקטיוו! גוט אז ער באהאלט!

עניוועי, איך האב נישט געדולד זיך ארום צו דרייען אין דער צייט וואס גארנישט ווערט נישט אינטערסאנט, און איך גיי ארויס דיסעפאוינטעד פונקט ווי ביים אריינקומען. איך וועל נישט קענען ריפארטן אויף אייוועלט גארנישט!!!

די איינציגע עצה צו מאכן דארט א שטיקל געפילדער וואלט געווען איך זאל ארויסלויפן אומבאצאלט מיט עפעס, אבער דארט האלט איך נאך נישט....

מילא וואס זאל איך אייך זאגן? איר וועט מיר מוזן אנטשולדיגן און איך האף אז עווענטועל וועל איך יא באגעגענען א גוט שטיקל וואס זאל מיר אויפוועקן דעם פארשלאפענעם געדאנקען גאנג.

זייט מיר געזונט

היסטאריע

# ציי׳טונגען – א בליק איפן עבר

„לבונה זכה״ בלעטערט אין די אלטע צייטונגען פון לעמבערג און ווארשע. פון די בלעטער פון „קול מחזיקי הדת״: הכשרים, עגונות, מודעות, און א גזירה אויף ארונות.

פון **לבונה זכה**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „צייטונגען – א בליק אויפן עבר און א טראכט איבערן הווה״ • 18טן אקטאבער 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4996.html

דא אין שטיבל איז שוין דא אשכולות איבער אמאליגע אידישע צייטונגען, הויפזעכליך לעצטנס דער שיינער אשכול פון חברינו הדגול דעת תורה. יענער אשכול זעט אויס פראבירט אין א זין נאכאמאל איבערלעבן די גרויסע פאסירונגען פון הונדערט יאר צוריק וועלכע האבן געשאקלט די וועלט בשעתם און זענען נאך גאנץ באקאנט ביז היינטיגן טאג, ווי למשל משפט בייליס וכדומה. אני הקטן בלעטער אויך א שטיק צייט אין די אלטע צייטונגען, אבער איך פרוביר בעיקר צו פארשטיין מתוך כותלי כתבם ווי אזוי דאס טאג-טעגליכע לעבן איז אנגעגאנגען בימים עברו, נישט בלויז די מעידזשאר עווענטס און נישט דווקא אין א געוויסע ענגע תקופה. לייענדיג די אלטע פארגעלטע בלעטער (איך ליין עס אין דידזשיטעל פארמאט, אזוי אז די פארגעלקייט ווענדט זיך מער אין מיין קאמפוטער סקרין קאליר...) איז מיר אינטערעסאנט צו באמערקן ווי ווייט געוויסע זאכן זענען געווען אנדערש און דעם עבר הרחוק והקרוב, און מאידך גיסא ווי ווייט געוויסע זאכן בלייבן די זעלבע.

פון צייט צו צייט קאפי איך עפעס וואס איך פיל אז עס קען זיין אינטערעסאנט מיטצוטיילן. איך וועל נישט גיין דווקא אין א סדר נישט לפי נושאים און נישט לפי דאטומס. איך וועל זיך באציען צו צייטונגען וועלכע זענען ערשינען אין די גרויסע אידישע צענטערס ווי פוילן רוסלאנד, וכו'. לעצטנס האב איך געבלעטערט די "מחזיקי הדת" און די ווארשער אידישע צייטונגען, וועל איך אביסל באריכטן פון זיי. בעיקר איז מיר אינטערעסאנט צו ברענגען פון "מחזיקי הדת," ווייל די צייטונג איז די מערסטע ענליך צו אונזערע היינטיגע היימישע צייטונגען.

צו ערשט א שטיקל הקדמה איבער די צייטונגען. די גאנץ ערשטע פון די באוואוסטע צייטונגען זענען די לשון-קודש'ע ווי המגיד, המליץ, הצפירה, ועוד, וועלכע האבן אנגעהויבן ערשיינען אין די תר"י און תר"כ יארן. די צייטונגען זענען געווען געפירט אין גרויסן טייל מיט א משכיל'ישע אגענדע, אויפעפענען די קעפ פאר די בני אדם יושבי חושך... די צייטונגען האבן באריכטעט וועלטליכע נייעס, לאקאלע נייעס, דברי תורה, דברי מדע, ענינים העומדים על הפרק אין דער אידישער גאס, ועוד. אבער ס'איז געווען דרגות אין דעם. למשל דער המגיד איז געווען "רעכטער" געשטימט פון המליץ. מ'זעט גאנץ אפט אפילו רבנים פובליצירן מאמרים אדער בריוון. די משכילישע אגענדע איז געווען בעסער פארשלייערט. אלכסנדר צעדערבוים'ס המליץ, הגם עס האט אויך אפט מאמרים פון רבנים און פרומע, איז געווען מער ראדיקאל אין אנטי רבני'ש. דער הצפירה פון חיים זעליג סלאנימסקי האט אין צוגאב אויך געלייגט א דגוש אויף עדזשוקעיטן די מאסן אין וויסענשאפטליכע ענינים. די צייטונגען זענען געווען די וועלכע האבן מיט דער צייט גענפנט דעם קאמף פאר ציונות און עס געהאלפן מפיץ זיין צווישן דעם עולם.

אין דעם סוף תרל'ס זענען די פרומע ארטאדאקסן ארויסגעקומען מיט א צייטונג "מחזיקי הדת" אדער "קול מחזיקי הדת" (פאר א צייט זענען ביידע צייטונגען ערשינען פאראלעל, אבער דערנאך בלויז אלס איין צייטונג). די צייטונג, וועלכע איז געווען באזירט אין לעמבערג, האט שטאלץ פראקלאמירט אז ז' איז געגרינדעט געווארן דורך ר' שמעון סופר פון קראקע. (עס איז אויך אנגענומען אז ר' יושע'לע בעלזער איז געווען א מייסד, הגם די צייטונג זעלבסט דאכט זיך רעדט נישט דערפון.) מחזיקי הדת האט געפירט א מלחמה כבידה קעגן השכלה, ציונות, און אלע אנדערע מרעין בישין וועלכע ארטאדאקסיע האט געזען פאר נויטיג צו באקעמפן. מיט דעם אלעם איז זייער אינטערעסאנט ווי ווייט מער "אפן" די צייטונג איז אין א סאך ענינים. טייל נייעס און אפילו דברי פולמוס נגד מתנגדיהם וואלט היינט א היימישער צייטונג קיינמאל נישט אזוי בולט אראפגעלייגט.

ביים סוף פונעם נייגצעטן יארהונדערט איז אידישקייט אין פוילן און רוסלאנד געווען אין א טיפן און שנעלן בארג אראפ. די סיבות זענען פארשידענארטיג, און ס'איז נישט דא אין פלאץ אריין צו גיין אין אן אריכות. איך זענען פשוט מיד געווארן צו שלעפן דעם עול התורה ועול הגלות. אין דער גרעסטער אידישער שטאט, ווארשע,

האט אין די תר"ע'ס אנגעהויבן ארויסצוקומען אידישע צייטונגען, די גרעסטע זענען געווען "דער הײנט" און "דער מאמענט." אט די צייטונגען האבן שוין געקעיטערט פאר א מישמאש פון סתם פראסטע עמך-אידן און אידן פורקי עול למחצה לשליש ולרביע. עס איז טראגי-קאמיש צו בעאבאכטן ווי די אידן זענען ביזי געווען מיט זייערע וויכטיגע און נישט-אזוי-וויכטיגע עסקים אן קיין אנונג אז זייער גאנץ וועלטל שטייט על עברי פי פחת.

מ'ליינט אין אט די אלע צייטונגען, וועלכע זענען ערשינען במשך כמעט אכציג יאר, די trials and tribulations פון דורות אידן וועלכע האבן געסטראגלט מיט א רייע מיט אישוס, אבער האבן פרובירט יעדער לויט זיין וועג צו טרעפן זיין פלאץ אין א וועלט וועלכעס האט נישט גערן אפגעטרעטן א פלאץ פאר דעם פאריאגטן פארוואגלטן איד. זאלן מיינע ציטאטן דינען ווי א שטיקל אזכרה פאר אט די אידן.

## פון די בלעטער פון „קול מחזיקי הדת“

• כ"ח שבט תרמ"ח: רעד זיך אפ אויף א מנהג קראקע ווי בחורים ובתולות הוליען ארום פארשטעלטערהייט פורים. זעט אויס אז דער מנהג האט זיך נישט אנגעהויבן אין די 1960s אויף לי עווניו.

• י"ב אדר תרמ"ח: אין יענע צייטן האט די רעגירונג ארויס געגעבן א פאראדנונג אז מ'דארף באגראבן אין א גענצליך פארמאכטן ארון (הײנט איז דער ארון אויך פארמאכט, נאר מ'נעמט ארויס דעם אונטערשטן ברעט). רוב רבנים האבן נישט געוואלט קאמפראמייסן. איין דיין וועלכער האט יא געוואלט מתיר זיין, באקומט דא זיין פסוק פאר דער חוצפה.

• כ"ג כסליו תרמ"ח: נאך א מודעה וועגן די גזירה פון נוצן ארונות לקבורה. עס זעט אויס אז די אידן האבן נישט געקענט אפשרייען די גזירה, און דער היינטיגער מנהג איז א סארט פשרה נאך פון יענע צייט. מ'נוצט אן ארון, נאר מ'עפענט עס פון אינטן איינמאל ס'ליגט אין דער ערד.

[פארקירצט]

• י"ט תמוז תרמ"ח: א איד זוכט דעם פארלוירענעם זון זיינער. א פרוי אן עגונה זוכט איר פארשווינדענעם מאן: דוד קעניגסבערג, א בלאנדער, מיט צוויי גרויסע ציין, בערך דרייסיג יאר (אין רוב אזעלכע זוכענישן שטייט נאר דער יארגאנג אלס בערך. זעט אוי אז די פרוי אליינס האט נישט געהאט איר מאנ'ס פונקטליכע יארגאנג.) מ'טרעפט אפט אזעלכע מודעות אין צייטונגען פון יענע תקופה.

• ט"ז אלול תרמ"ח: נאך א דערביטערטע עגונה זוכט איר מאן.

• כ"ב כסליו תרמ"ט: מרדכי שווארץ, א זון פון קול אריה, אדווערטייזט זיין סארדינען פאבריק.

• כ"ג כסליו תרמ"ח: ר' הלל קאלאמאיער נעמט אראפ זיין הכשר פון א ציקאריע פאבריק. ציקאריע, וועלכעס איז א ביליגע ערזאץ פאר קאווע, איז געווען א שטארט קאנטראווערסיאלער הכשר. יארן לאנג זענען געפלויגן התירים און איסורים פון אלע גרויסע רבנים. דער קאמף היינט איבער אריזאנע ווייץ איז א קינדער שפיל דערגעגן.

• ז' אדר תרמ"ז: ר' הלל קאלאמאיער גיט א הכשר פאר מושקאטעלער און ריזלינג וויין פון א קלאזענבורגער וויין סוחר.

• ר"ח שבט תרמ"ו: אן עד פאר ציגארעטליך וועלכע שאטן נישט...

[פארקירצט]

### א לייענער פרעגט

„שמעקעדיג“ האט געפרעגט, און „דעת תורה“ האט געענטפערט:

„וואס איז פשט אז די מחזיקי הדת צייטונגען זענען ערשינען אין לשה"ק? האבן זיי נישט געוואלט אז די פרויען און קינדער און די פשוט'ערע עין-יעקב אידן זאלן פארשטיין?“

צייטונגען זענען אלעמאל געווען אין א העכער שפראך, וואס דער פראסטער המון עם האט נישט געהעריג פארשטאנען. געלער זשורנאליזם, האט אנגעהויבן צו קעיטערן פארן סתם עמך, שרייבנדיג פשוט'ע פיקאנטע מעשה'לעך און פאסירונגען, די נייעס פארציילט מער פשוט'ער און נישט אזוי פראפעסיאנאל. אלע פריערדיגע צייטונגען ביי אידן זענען געווען לשון קודש. ביז ארום תר"מ-נ.

קאווע שטיבל • אינעם זעלבן אשכול • 18טן אקטאבער 2013

א שמועס פון דער וואך

# די שפראך וואס וואנדערט

איז אידיש א דייטש וואס אידן האבן בכוונה „פאר'אידיש'ט“, כדי נישט צו רעדן די שפראך פון די גוים? אדער איז זי געוואקסן פון זיך אליין, ווי יעדע שפראך? א שטורמישער שמועס.

פון **פרייוויליג, דעת תורה, שמערל און אנדערע**

קאווע שטיבל • שפראך און גראמאטיק • „דער שפראך וואס וואנדערט“ • 10טן – 17טן יאנואר 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10009.html

**פרייוויליג** • 10טן יאנואר 2016

אין א צווייטער אשכול פון „געפילטע פיש“ וואו ער האט פראבירט אפצולערנען וואס 'שם, לשון, מלבוש' באדייטן. למשל, וויאזוי איז ליפא געווארן א אידישע נאמען? וואס האט מען געדארפט טון מקדיש צו זיין א נאמען עס זאל הייסן א אידישע 'שם'? די זעלבע קשיא גייט אויך ארויף אויף 'יידיש'. דער 'הייליגער אידיש'. מיט וואס איז זי הייליג געווארן? איז דאס דען געווען אונזערע זעלבסשטענדיגע שפראך? מיט וואס איז יידיש מער הייליג ווי פראנצויזיש, אדער גאר דויטש? יידיש איז א פרעמדע שפראך! מיט וואס איז דאס הייליג? מיט וואס איז דאס אונזערס?

איז דא אן אינטערסאנטע זאך וואס איך האב געטראפן, אז טאקע פאר דעם פראבלעם האט מען אנגעהויבן אריבערצופירן און איינפעדעמען לשה"ק ווערטער צו אונזער אידיש, ווארום עס זאל נישט הייסן א שפת נכרי. עס זאל נישט האבן די ארגינעלע גלאנץ פון וואס אידיש איז געבויעט.

יעצט איז די פראגע פארוואס האט מען נישט פאר זיבן הונדערט יאר צוריק אנגעהויבן רעדן ריין "דויטש" פארוואס האט מען געדארפט איבערמאכן דויטש צו אידיש, מה לי לצרה זאת, זאל מען רעדן ריין דויטש? פארשטייט יעדער אליין, אז דויטש איז א לשון לע"ז, א לשון נכרי. דעריבער האט מען געדארפט איבערמאכן די גויאישע שפראך, און עס איבערבייטן צום "אידיש". לאמיר אייך אריבערפירן צו א היסטארישע נאטיץ ביך, מיטן נאמען נוטריקון, אין די שפאלטן פון דעם ספר וועט איר זען - וואס אסאך ווייסן שוין - אז עס איז געווען "פיר ערליי" אידיש. וואס דאס ווייזט קלאר אן, אז דורכאויס די לעצטע הונדערטער יארן דארט ווי די אידן האבן געוואוינט און געוואנדערט, האבן זיי איבערגעטוישט די דארטיגע שפראך צו זייער אייגענע אידיש, כדי נישט צו רעדן די "לשון העכו"ם. און דאס איז וואס "יידיש" איז. ער באציט זיך צו א ספר מיטן נאמען "פרעמיר פייאט" און פראבירט מסביר צו זיין מיט וועלכע שפראך דער ספר איז געשריבן געווארן אין דער דארטיגער תקופה.

וזל"ש: בעמוד אחד פיוט באותיות עבריות, ובעמוד שמולו תרגומו לצרפתית. הפיוטים בספר נכתבו בשפה נשכחת שנקראת "יהודית-פרובנסלית". בשפה זו דיברו וכתבו יהודי הקהילות בפרובנס (דרום צרפת). בדומה ל"יידיש" שמבוססת על הגרמנית, ה"לאדינו" שמבוססת על הספרדית, וה"ערבית-יהודית" שיהתא מבוססת על הערבית, כך גם ה"יהודית-פרובנסאלית" היא ניב יהודי המבוסס על הצרפתית ועל השפה האוקסיטנית המדוברת בדרום צרפת. ע"כ.

היוצא לנו מכל זה, אז מיר געפינען פיר ערליי אידיש, א) אונזער אידיש וואס איז געבויעט אויף גרמנית, ב) לאדינו, וואס איז געבויעט אויף ספרדית, ג) ערבית-יהודית וואס איז געבויעט אויף אראביש, ד) יהודית פרובנסאלית, וואס איז געבויעט אויף צרפתית און אויף אוקסיטנית.

יעצט אז איך האב אייך דערמאנט אז אידיש איז צוטיילט געווארן פיר מאל דורך כלל ישראל, וואס אידן האבן דאס געטון מיטן צוועק נישט צו רעדן די "לשון העכו"ם", וועט איר פרעגן פון וואנעט איך ווייס אז מען האט עס געטון מיט דיזע תפקיד. אלזא וועל איך אייך נעמען אויף א פרישע שפאציר, דאסמאל אין די ברעגן פון "משכיל אל דל" פון רבי הילל מקאלאמייא זצ"ל, דארט וועט איר טרעפן אז דאס וואס איך האב געזאגט איז 'זאת ועוד', נישט נאר מען האט איבערגעפלאנצט לשה"ק צו אידיש כדי עס כשר צו מאכן, נאר מען האט געטוישט דאס גאנצע דויטש צו אידיש, אויף אן אנדערע אויסשפראך, און אן אנדערע אקצענט, מיטן ציל נישט צו רעדן די לשון העכו"ם.

[פארקירצט]

אידן האבן איינגעצווינגען לשון הקודש, איבערגעמאכט די דארטיגע שפראך, כדי נישט צו רעדן די לשון העמים. אידיש

איז בלויז אן איבערגעמאכטע געטוויקעטע שפראך, און איז דירעקט געצילט געווארן צו כשר'ן די דארטיגע שפראך.

**דעת תורה** • 10טן יאנואר 2016

זייער אינטערעסאנט, דער אבי אבות הקנאים איז מער ווייניגער מכשיר דאס היינטיגע ענגליש הנהוג אצל אחב"י הליטאים, לתשומת לב מהר"א מ'סאטמאר. איך האב דאס שוין לאנג געשריבן מסברא אבער יעצט זע איך ממקור ראשון פון דעם וואס איז געשטאנען אונטער די תקנות מיהאלאוויץ. (ס'איז דא נאך אסאך ראיות אבער דא איז עס זייער קלאר ארויסגעברענגט).

היסטאריש גערעדט, דעם ירושלמי האט קיינער נישט אנגענומען און דער חת"ס איז דער ערשטער פוסק וואס ארבעט ארום דערמיט. און דערוויל איז - דוכט זיך - נישטא קיין שום מקור צו דער השערה פון ר"ה קאלאמייער און אנדערע אחריו אז דאס איז געווען די סיבה אז די שפראך איז ביסלעכווייז נשתנה געווארן, ווי ווייט איך ווייס שטייט דאס נישט אין קיין שום פריערדיגער מקור. עס הייבט נישט אן אויסצוזען מ'זאל האבן די מינדעסטע משהו פראבלעם מיט רעדן און שרייבן אין די ל' המדינה.

און לינגוויסטן וועלן שוין מבאר זיין באריכות כיד ה' הטובה עליהם צענדליגער סיבות פארוואס עס איז למעשה אזוי געווארן אידישע דיאלעקטן. בעצם קען מען זיך אליינס משער זיין. אידן האבן כסדר געוואנדערט פון איין ארט צום צווייטן, און זעלבסט פארשטענדליך נישט געטוישט זייער שפראך יעדע 15 מינוט ביי יעדע נייע דעסטינאציע. אידן האבן נאטורליך אריין געמישט אסאך לשון קודש ווערטער, דאס איז א פראסעס וואס געשעט פון זיך אליין.

(אדרבה לאמיר פרעגן די ליטווישע און מאדערנע היינט צי זיי מישן אריין לשו"ק ווערטער אין ענגליש בכוונה תחילה, ווייל אין הונדערט יאר ארום וועט מען נאטורליך אנצייגן אויף ענגלישיביש אויך ווי א שפראך וואס אידן האבן בכוונה תחילה פאר'אידישט כדי צו זיך אפטיילן פונעם גוי).

**פרייוויליג** • 10טן יאנואר 2016

וועגן דעם האב איך געעפענט דעם אשכול צוליב דעם חידוש. און בעצם זאגסטו א שטארקע זאך.

באמת האט יידיש עפעס וואס איז גלייך צו לשה"ק אז עס איז outdated און מען מוז כסדר אפדעיטן נייע ווערטער זיך צו פארפאסן מיט די נייע אויסדריקן וואס האט זיך געשאפן. נעמט א דוגמה ווי רום וואס די שפראך איז לאטיין, זיי ווילן נישט בשיטה טוישן און צולייגן גארנישט צו זייערע לעקסיקאן. יעדע זאך וואס דארף ווערן געאפדעיט נוצן זיי די פרעמדע שפראך באשר הוא. למשל, קאמפיוטער, זאגן זיי קאמפיוטער. אנדערש ווי יידיש וואס וועט ענדערש פראבירן צו אינטערגרעיטן פרעמדע אויסדריקן, און עס מאכן אלס "אינטערגראלע".

**געוואלדיג** • 10טן יאנואר 2016

מען טוט דאס, ווי למשל ווען א טראק האלט אינמיטן בעקן, אויף וועלכע שפראך איז בעקן?

**שמערל** • 10טן יאנואר 2016

געוואלדיג, איר האט נישט ארויס די מינימאלסטע ידיעות איבער שפראך. בלויז פאר א ביישפיל ענגליש האט אין די לעצטע דריי הינדערט יאר אנגענומען פארשידענע דיאלעקטן, ווי אמעריקאנע ענגליש אויסטראליען ענגליש, און אין אמעריקא גופא איז אויך דא פארשידענע חילוקים פון די נארט און סאוט.
דויטש האט צענדליגער אויב נישט הינדערטער דיאלעקטן, רוב פון זיי זענען פארגעסן געווארן זייט די דייטשע שפראך איז מאדערנעזירט געווארן צו הויכדויטש פאר בערך צוויי הינדערט פופציג יאר צוריק, אבער עס איז נאך אלס פאראן פארשידענע אלטע דיאלעקטן ווי דאטש אין האלאנד, פלעמיש אין בעלגיע, שוויצער דויטש אין שוויץ, ועוד ועוד.
וואס איז בכלל די הוה אמונא אז אידיש וואס איז שוין באלד טויזענט יאר אלט, און איז פאר ביז דער תקופת האידישיסטן כמעט נישט באנוצט געווארן פאר שריפט זאל האבן נאר איין דיאלעקט, און זאל זיין מיט עפעס ענליך צו דער מאדערנער דויטשער שפראך וואס איז נתחדש געווארן לאנגע יארן נאכדעם וואס אידיש איז געווארן די שפראך פאר אידן וואס האבן נישט געוואוינט אין דויטש רעדנדע געגנטער.

עס איז פונקט ווי דו זאלסט זאגן אז דער דויטש דיאלעקט וואס די אמיש באנוצן זיך איז בכונה פארדרייט געווארן פון דויטש, עס איז נישט פארדרייט געווארן בכונה, נאר נאך

אזויפיל יארן וואוינען אין א פרעמדע לאנד זענען פילע ווערטער פארדרייט געווארן אדער אינפלועגסט געווארן פון דעם אמעריקאנער ענגליש, פונקט ווי אידיש אין אמעריקא איז אויך נישט דערקענבאר פאר אן ארץ ישראל איד.

סך הכל אידיש - ווי כמעט אלע וועלטס שפראכן איז נישט קיין שפראך וואס מען האט אמאל דיזיינט, עס איז פארמירט געווארן נאטורליך דורך די וואס האבן איר גערעדט אן קיין שום עקסטערע כוונה. צו גיין אריינלערנען אין איר תורות און רמזים, האט פונקט אזא פשט ווי אריינלערנען פשטים אין פאטעיטא קוגל, אדער רבינו תם גאטשעס, און מען זעט טאקע אז די זעלבע וואס קאכן זיך אין די שטותים פון קדושת הקוגל קאכן זיך אין די "קדושת" האידיש.

**פרייוויליג** • 10טן יאנואר 2016

שמערל, למעשה זעט מען אז די חת"ס האט ליב געהאט קוגל... אלענפאלס מוז 'יידיש' האבן א הסבר, אויב נישט פארוואס האט זיך יידיש אומשולדיג פארמירט דוקא פאר אידן, מיטן נאמען איד-יש.. גראדע זאגסטו גוט, לויט די אידישיסטן איז יידיש אן אפגעריסענעם שפראך פון גרמנית, און האט גארנישט צו טון מיט דיזיין.

זע אויך פארוואס 'ספרדית' 'עברית' איז געווארן די מאמע שפראך פון ארץ ישראל, אנשטאט אידיש די א.ג. מאמע שפראך פון דעם אידישן פאלק..

**ישראל קאפקע** • 10טן יאנואר 2016

מען האט אויסגעלאזט דעם אידישן דיאלעקט אין איראן, אידיש-פערסיש.

דער חילוק צווישן די אלע אידישע דיאלעקטן און ישיביש-ענגליש איז אז אלע דיאלעקטן האבן גענוצט די לשון קודש אותיות ביים שרייבן. "קיינער" שרייבט נישט א ישיבישע ענגליש מיט אידישע אותיות. און די 95% פראצענט כשרע ענגלישע ווערטער ווערן געשריבן מיט א 100% ריין ענגלישע אויסלייג.

„אין אונגארן האט מען גענוצט מער אידיש ווי אין אנדערע מקומות?"

אין אונגארן דווקא האט מען גערעדט ווייניגער אידיש, פיל ווייניגער, ווי אין פוילן ליטע און רוסלאנד.
מעגליך אז וועגן דעם איז עס געווען א גרעסערע אישו ווי אין די אנדערע לענדער.

„. . . פארוואס האט זיך יידיש אומשולדיג פארמירט דוקא פאר אידן, מיטן נאמען איד-יש.."

דער נאמען 'אידיש' אויף אידיש קומט פון 'יודיש-דייטש' (אידיש-טייטש) פונקט ווי די אנדערע אידישע דיאלעקטן.

„. . . און איז פאר ביז דער תקופת האידישיסטן כמעט נישט באנוצט געווארן פאר שריפט . . ."

כמעט נישט גענוצט געווארן אין שריפט ביז הונדערט עפעס יאר צוריק?
שריפט בכלל איז ווייניגער גענוצט געווארן פינף הונדערט יאר צוריק און ווי עלטער אלץ ווייניגער געשריבענע איז איבערגעבליבן. אבער זאגן 'כמעט נישט באנוצט געווארן' איז אומריכטיג.
אידיש איז אין די לעצטע הונדערט פופציג יאר אריבער א שטארקע טראנספארמאציע באזירט טאקע אויפן מאדערניזירטן דייטש.

**ירא שמים** • 11טן יאנואר 2016

רבנים און ביי די תורה'דיגע קרייזן בכלל איז כמדומה אידיש קיינמאל נישט געווען קיין ארטיקל, סאיז נישט גענוצט געווארן אלס שריפטליכער שפראך חוץ פאר נשים וע"ה און מהאט קיינמאל נישט געלערנט קיין גראמאטיק דערויף.

קולטור • ליטעראַטור

# פּיקציע – שרייבן און ליינען

פּאַרוואָס איז דאָ ביי אידיש־רעדנדע חסידים אַזוי ווייניג פּיקציע, בשעת די ענגליש־רעדנדע זשורנאַלן קענען נישט אָן איר? „ליטוואַק פון בודאַפּעסט“ שרייבט וועגן דער חכמה פון אַ גוטער מעשה, און דער עולם רעדט מיט.

פון **ליטוואַק פון בודאַפּעסט, מיימון אנדערע**

קאַווע שטיבל • קונסט • „פּיקציע - שרייבען און ליינען“ • 5טן – 6טן נאָוועמבער 2018
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12690.html

**ליטוואַק פון בודאַפּעסט** • 5טן נאָוועמבער 2018

איך האָב שוין לאַנג באַמערקט אַז פּיקציע איז נישט צו פיל איינגעגלידערט אין דעם אידיש רעדענדיגן ציבור. די אלגעמיינע (אומאָפּהענגיגע) אויסגאַבעס גיבן זיך נישט אָפּ מיט דרוקן אַפּיציעלע פּיקציע (מוצ"ש מעשה'ס זענען עפּעס אַנדערש), און דער עולם עקספּעקט עס נישט. אין דער וועקער איז די פּיקציע די וויינציגסטע אַרום גערעדטע טעמע, און אין שטיבעל ווערן אַזעלכע אשכולות שנעל געזינקען צום לעצטע פּעידזש פון די אַקטיווע אשכולות, אומבאַמערקט און אומבאַצייכנט.

ביי דעם ענגליש רעדענדיגן ציבור פון חרדים איז עס אָבער נישט אַזוי. יעדע אויסגאַבע מוז האָבן אַ פּיקציע ביילאַגע פאַר יו"ט, און יעדע וואָך דרוקן זיי עפּעס אַ מעשה פון די לאַנגווייליגע פּרויען וואָס וואוינען אין א"י און דאַרפן אהיים ברענגען אַ פאַר דאָללאַר צו ווייזן פאַר דעם טאַטן וואָס האַלט זיי אויס פון אַמעריקא אַז זי אַרבעט אויך אַביסל. עס איז גאַנץ פּרימיטיוו, עפ"י רוב, און עס קומט נישט צו צו די לייבען פון וועלטס פּיקציע, הן די אידישע און הן די וועלטליכע. אָבער עפּעס איז עס. עס איז אויך בעיקר געווידמעט צו ווייבער, און די מעשה'ס זענען אַלע מיט ווייבער וואָס ספּראַווען זיך מיט פּרויעריישע זאַכן, ווי שוויגער\שנור אַנגעצויגענקייט און קינדער ערציאונג פּראָבלעמען.

יעדער שרייבער, ווען ער גייט אין סקול צו לערנען שרייבעריי, ווערט געהייסן צו שרייבן וואָס ער קען, מעשה'ס פון זיין אייגענע היסטאָריע. דעריבער זענען די אַלע מעשה'לעך געבויט אַרום אַ שוויגער מיט אַ שנור, אַ גביר מיט אַן אָרימאַן, צו אַ בחור וואָס מוטשעט זיך אין ישיבה. די שרייבערס זוכן אויך, עפ"י רוב, אויסצומוסר'ן דעם עולם, מיט די געשיכטעס זייערע, און דעריבער איז עס אָפּט אומאיינגענעם. למשל, משה גרילק, דער רעדאַקטאָר פון דעם משפחה מאַגאַזין, האָט אַפּיציעל מודה געווען אַז אַ חלק פון זיין ציל אין זיין פּיקציע ביכער (וואָס ער שרייבט אונטער דעם נאָמען חיים אליאב) איז אַרויס צו ברענגען נקודות און מוסר וואָס מ'קען נישט אין אַן אַלגעמיינעם אַרטיקל אין צייטונג. אַמאָל נעמען זיך די שרייבערס דרשנ'ן אין דער מעשה, כאילו איין מענטש רעדט צו אַ צווייטן די דברי מוסר, אָבער מיינען מיינט ער דעם ליינער, און מ'קען פילן ווי איינער מישט אין דיין געדערעם בשעת'ן ליינען.

דאָס איז אַלס פיין און וואויל, און זיכער בעסער ווי אַ מוסר שמועס אין פּנים אריין. אָבער די חכמה פּיקציע ערהאַלט אַסאַך מער ווי דעם. אַ חלק פון חכמה איז די קענטעניס צו קענען האַלטן און דערגרייען אַ מציאות איידער דאָס צו משפּט'ן. דאָס איז אַ יסוד גדול אין חכמה, ווייל ווען מ'קען דאָס נישט טון, טוט דער משפּט פאַרדרייען די פאַקטן און מ'אַרבעט שוין נישט מיט קיין עמטליכע פאַקטן. ווען אַ שרייבער קען אַרויס שרייבן ריכטיג און קלאָר די מענטשליכע ערפאַרונג, געפילן און איבערלעבעניש'ן, אָן צו מוסר'ן און אָן צו געבן צו דעות וואָס מ'וואָלט געדאַרפט טון און וואָס מ'קען דערפון אַרויס לערנען, וואָלט דער ליינער בעסער פאַרשטאַנען זיין אייגענע לעבן. דערנאָך קען ער קלערן וואָס צו טון און משפּט'ן, אָבער נאָר ווען דאָס בילד איז אָרנטליך פאַרמירט פון פאַראויס.

און די שעפערישקייט פון קענען איבערשרייבן געפילן און באַמערקן שטריכן פון לעבן קען נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מוסר שמועס. דעמאָלס לאָזט מען נישט דעם דמיון פּירן ווי עס גייט און דער מענטש דרוקט זיך נישט אָרנטליך אַרויס. אַוודאי איז די גלויבונג אין דער 'פּרייהייט פון קונסט' אַן איבער גלויבונג און עס איז ריכטיג אַז מ'זאָל עס צענזורירן ווען עס איז קעגן מאָראַלן און אונזער תורה, אָבער פון דאָרט ביז נישט לאָזן אַנצינדן די שעפערישקייט אין אַנהייב איז נאָך דאָ אַ ווייטער וועג.

דער כלל מיט ליינען פּיקציע איז אַז וויבאַלד די מעשה איז עמטליך נישט געשען, דעריבער איז יעדער חלק פון דער מעשה דאָרט פאַר אַ סבה. דער שרייבער האָט צוגעלייגט די פינגער צום שרייבמאַשין, די פּענע צום פּאַפּיר, פאַר עפּעס אַ

טעם, ער האט געוואלט עפעס אויסרעדן דערמיט. אמאל איז עס א הקדמה צו פארשטייען דעם כאראקטער פון די העלדן פון דער געשיכטע, אמאל איז עס אוועק צו שטעלן די גוסטע פון דער פאסירונג, אמאל איז עס מרמז צו א געפיל וואס דער מענטש האט געהאט בשעת מעשה, אבער אייביג מיינט עס עפעס.

א גוטער פיקציע שרייבער ווייסט אז מ'דארף עפעס ארויסלאזן פון דער מעשה. מ'טאר נישט אויסשרייבן די גאנצע געשיכטע, מ'דארף לאזן דעם מענטש עפעס כאפן אליינס. דאס איז א גרויסע טעות וואס אסאך היימישע שרייבער מאכן, בפרט די איזראעלישע. זיי שרייבן אויס די געפילן פון דעם מענטש, און יעדער האט געוואלט ווייניגן, יעדע הארץ סטרונע איז געצויגן געווארן, יעדער ווייסט שוין נישט וויאזוי ער\זי גייט עס איבערלעבן, מ'נוצט די אלע קלישעס אויף אמאל און עס לאזט זיך נישט אליינס טראכטן און פארשטייען.

די חכמה פון א גוטן פיקציע שרייבער איז דאס קענען אריין ברענגען דעם ליינער אין דער מעשה, ווי ווייט עס וועט נאר זיין. יעדער קען שרייבן פון א יונגערמאן אין ב.פ. וואס גייט ארבעטן צו פרי און שלאפן ביי נאכט. די חכמה איז צו שרייבן א מעשה פון פינף הונדערט יאר צוריק און מאכן דעם ליינער פילן אז ער איז דארט בשעת מעשה. דאס איז די חכמה פון science fiction, ווי דער שרייבער טוישט איינציגע פון די וועלטס געזעצן מיט וואס דאס פיזישע לעבן גייט אן, און אין אזעלכע אומשטענדן לעבט דער מענטש מיט זיין הרגשים און גלויבונגען. איינער פון די פאפולערסטע פון די גענר"ע איז אייזיק אסימאוו, א איד. ער האט פיל ביכער געשריבן אזוי, און עס איז זייער אינטערעסאנט פאר די וואס גלייכן אזעלכע זאכן.

**מיימון** • 5טן נאוועמבער 2018

פון אונזער היימישע פיקציע זענען מיר אויפגעוואקסן מיט טאקע חיים אליאב'ן וועם ליטוואק האט דערמאנט. עס איז טאקע שטארק נערווירנד געווען זיינע קריכנדיגע מוסר שמועסן. מיר פלעגן עמטליך אויסלאזן די בלעטער ווי יצחק אויסטערליץ טענהט זיך מיטן מענטש מיטן קאשקעטל (פארכאפט אין נעץ) און גיין צו די אנדערע חלקים. אנדערע זענען אפילו נישט ווערד צו דערמאנען. יאיר ווינשטאק איז אן אויסנאם. וואס חוץ פון דעם וואס זיינע מעשיות זענען מחדש ידיעות רבות, איז עס אויך תמיד ניי מיט א נייעם טוויסט. נישט פלעין עף בי איי מיט שפיאנען נאר עפעס אן אלוועלטליכע קאנספיראציע וואס וועבט זיך ערגעצוואו אין פונקט א פארקערטן פלאץ וואס מען טראכט אינעם ערשטן האלב פונעם בוך. למעשה האט עס א חסרון אז עס גיט גארנישט צו. א גוטע ביכל אדער מאוווי נאכן ליינען גייט מען אוועק מיט אן אנדערן דערהער אויף דער וועלט און די מענטשן. טיפע געפילן און געדאנקען וואס מען קען נישט אויסשמועסן מיטן מויל ווערן אויסגעקלארט און פארברייטערט. זיינע ביכלעך זענען בלויז פאר אונטערהאלטונג און גארנישט מער, ווען מען ענדיגט פילט מען בלויז אן אפמוטשעניש פון דעם ווירטואלן ראולער קאוסטער וואס מען האט געהאט.

עס איז מסתבר אז די סיבה וואס ביי אונז איז דא ווייניג פיקציע האט צוטון מיט בכלל דעם וועג וויאזוי זאכן ארבעטן ביי אונז. א שמועס פאר זיך. בקיצור איז אלעס שווארץ אדער ווייס, מותר אדער אסור. עפעס וואס איז סתם אונטערהאלטונג איז אפגעפרעגט. מיין מקצוע למשל, היסטאריע, האט נישט קיין שום פאטענציאל. ממה נפשך אויב קענסטו מאכן געלט דערפון איז גוט, אז נישט זעץ דיך לערנען. אפילו לערנען ביי אונז איז נאר יורה דעה וואס איז נוגע למעשה אדער צו ווערן א דיין. סתם לערנען מסכתות וואס האסטו דערפון? גיי ארבעט און לייג אריין דיין קאפ אין ביזנעס. מוזיק איז לעצטנס אויך מותר געווארן וויבאלד מען קען דערויף פארדינען. קטלא קניא האט עס באריכט אין זיין מאניפעסטא. אז מען דארף לערנען ידיעות לשם ידיעות אן קיין תירוצים פון פרנסה וכו' ועוד יש להאריך.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 6טן נאוועמבער 2018

מנשה איז אייזן טאקע, אבער ער שרייבט נישט קיין פיקציע, ליידער (תרתי משמע).

אונזער שרייבערס זענען אלע ענדליך צו דזשאן גרישאם, וואס מ'קען זיי איין מאל ליינען און פערטיג. מ'קען נישט צוריק גייען צו זייער ביכער.

איך האב געליינט ענגלישע ביכער אלס קינד, און אבנר גולד איז זייער א פיינער שרייבער געווען. היינט לערן איך זיין ספרים און איך קען אים פערזענליך. מארקוס לעהמאן האט אסאך געדרשנ'ט און געמוסר'ט און יעדער מעשה האט געהאט א ליבע צווישן מאן און פרוי, אבער מ'האט עס מתיר געווען. גיי ווייס.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 6טן נאוועמבער 2018

דער אמת איז, איך האלט אין מיטן ליינען מנשה׳ס בוך, וואס א חלק דערפון האט שוין ערשיינט דא אין שטיבעל. ער איז אייזן ממש. ער קען שילדערן א געשיכטע ווי קיינער קען נישט. זיין צוויי פינטלעך, זיין קינדישע זכרונות ווי ער געדענקט זיין דעמאלסדיגע בליק איז צו באלעקן די פינגער. איך דארף נאך אסאך ליינען צו געבן א גרונטליכע באריכט, אבער איך האלט ביים שרייבן אן אשכול דערוועגן

הומאר

# שטום שפראך

א איד רעדט מיט די הענט, בפרט נאך ברוך שאמר, ווען מען טאר נישט רעדן. א קליין ווערטערבוך פון דער „שטום שפראך“ אין שול.

פון **שאץ מאץ**

די ערשטע חסידישע בלאגס • שאץ מאץ • „שטום שפראך“ • 14טן אפריל 2010
https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/36.html

סטאפ! מ'זעמיר נישט טויב, און נישט שטום, ווי קומט אהער שטום שפראך?

הייסט דו ווילסט מיר זאגן אז דו ביסט נישט שטום, קום אהער, לאמיר דיר באזיכן אין ביהמ"ד, נאך ברוך שאמר.... אוי ביסטו שטום...

און נאך ברוך שאמר, באניצט מען זיך שוין איינמאל מיט שטום שפראך.....

יעדער האט שוין מסתמא באמערקט, אז א איד ווען ער רעדט, רעדט ער מיט די הענט, און להבדיל א גוי בלייבן זיינע הענט אויפן פלאץ, משא"כ אידן ווען זיי זענען עפעס מסביר איז דאס מער מיטן הענט שפראך, איינער מער אין איינער ווייניגער, איך האב געהאט א מגי"ש אין ישיבה, ווען ער האט פארגעלערנט הל' שבת הל' בישול, האט ער ממש מיט די אייגענע הענט אריין געלייגט א קוגל אין דעם טשאלענט אריין...,

ברוב הימים, איז שוין געווארן אזעלכע איינגעגעסענע סימנים, וואס בלויז צווישן אידן ווייסט מען דעם אפטייטש, (אפשר דער שבת גוי אויך... ווייל בדרך כלל ניצט מען דעם גוי אינמיטן דאווענען),

לאמיר אביסל פראבירן זיך צו נעמען צו דעם היימישן שטום שפראך, (דאכט זיך מיר איך האב שוין געזען אמאל א באשרייבונג וועגן דעם אין אן אויסגאבע, אבער איך געדענק נישט יעצט ווער און וואס)

אז א איד וויל זאגן עפעס וועגן זיין טאטע, מאכט ער מיט די הענט אין די הייעך, ווי מ'וויזט אן אויף איינעם וואס איז געוואקסן הויעך, זייענדיג מרמז מיין טאטע... נו נא...., כאטש וואס גראדע איז זיין טאטע א קליינוויקסיגע....

אז מ'וויל עפעס זאגן – מרמז זיין, וועגן דעם רב פונעם ביהמ"ד, אדער זאגן עפעס וועגן זיין זיידע, ווייזט מען אויפן בארד, דער רב - זיידע, דער לאנגע בארד... נו נא...., כאטש וואס דער רב – זיידע האט גראדע נישט אזא לאנגע בארד..., דאך וועט יעדער וויסן אז ער רעדט פונעם רב אדער זיידע.

מיין זון, ווייזט מען מיט דער האנט ווי אויף אזא קליין קינד, כאטש וואס דער זון איז א הויכע בחור...

א ברודער: איז שוין א מחלוקת הפוסקים, מאנכע ווייזן ביי די אקסלען, ווי איינער זאגט מיינס גלייכן און הויך געוויקס, און מאנכע ווייזן מיט די צוויי אצבעות איינס מכוון קעגן צווייטן, מיין ברודער נו נא..., וואס אט דער סימן מיט די צוויי אבצעות קען אויך מיינען א גוטע חבר, אדער אז איך בין אין גוטן מיט יענעם,

צו דעם אלעם, איז דא א שליסל ווארט וואס גייט צו אלעם, דא איז עה, עהע, עה מיינט ניין, אזא שטארקע עה, און עהע מיינט יא, עההעע,

קומט אויס אזוי, ווען איינער וויל זאגן עפעס וועגן זיין מאמע, ווייזט ער דאך מיט די הענט אין די הייעך ווי יענער איז א הויכע, פארשטייט גלייך דער חבר, אז מ'רעדט פון זיין טאטן, פרעגט ער דיין טאטע? זאגט ער עה – (ניין), פרעגט יענער דיין מאמע?, זאגט ער עהע – (יא)...., מיט עה עהע קען ווערן געפירט גאנץ א וויכטיגע שמיס, אפי' אויפן טעלעפאן בשעת'ן דאווענען,

האלא: נו נו
דו האלסט אינמיטן דאווענען?, עהע,
זאל איך דיר צירוק רופן אין 5 מינוט? עה,
אין א האלבע שעה? עהע,
דו גייסט נאך רעדן היינט צו בערל?, ע'ע'ע'ע'ע'יייייעעע (איך ווייס נישט)
און וואס טוט זיך וועגן דעם נייעם אפיס, האסטו עפעס געטון? עה געזען האסטו עס שוין יא?, עהע,
אקעי איך רוף דיך אין א האלבע שעה, נו נו, (גוט...)

ווען איינער וויל פארן, איז דאך פשוט אז ער מאכט צו די הענט כאילו ער דרייוויט דעם דרייווער אהער און אהין, כאטש וואס אויפן ראוד ווען ער דרייוויט אזוי ווי ער ווייזט אהער און אהין, מאכט ער אן עקסידענט..., און כאטש וואס ווי ווייט איך קען אים, כאפט ער קיינמאל נישט אן דעם דרייווער מיטביידע הענט, אבער צום שטום שפראך, מוז מען אזוי טון.

אז מ'גרייט זיך צום פליען, דרייט מען איבער די הענט פלאך צוזאמען געגומען אלע פינגער'ס, אין מ'הייבט דאס אויף שנעל, ווי א פליגער פארט,

הייינט: מיינט די אצבע אויף אראפ, ווי מ'ווייזט אויף איינעם זאל גיין אין דער ערד....

מארגן: נעמט מען דעם אצבע, און מ'דרייט דאס, ווי איינער וואס דרייט א קייטל אויפן פינגער, ווען די פינגער דרייט זיך דעם זייגער וועג, מיינט דאס מארגן, און ווען דער פינגער דרייט זיך צוריק צו וועג'ס מיינט דאס נעכטן...

אלע פינעף פינגער'ס צוזאמען, ווי ביי בורא מאורי האש, נאר אביסל שפיציגער, מיינט ווארט א מינוט, (מער איינגעפירט ביי די בני א"י, ווען זיין זאגן ררחחגע... רגע)

צום געלט גייער, איז אויף פארהאן שפראך,
א שניט אויפן פינגער, מיינט געמיר צוריק א האלבן דאלער, דעם באקאנטן סימן פון רופן איינעם פון דערווייטן (אדער ווי די רבי'ס טוען אין חדר ווען זיי רופן ארויס א יונגל) קום נאר אהער..., איז גולטיג פאר געלט גייער - גיב מיר צוריק רעשט, פון א דאלער אז מ'דארך צוריק 75 צענט, קען מען ווייזן דריי פינגער'ס וואס דאס מיינט דריי קוואדער'ס, כאטש דער געלט גייער גיבט עטליכע דיימס אויך...., א קלאפ אויפן טאש, דאס מיינט כ'האב נישט קיין געלט, (כאטש וואס צומאל קען אפקלינגען א ווידער קול פון קליין געלט...)

א קלאפ אויפן האנט, דארטן ווי ס'ליגן די האנט זייגער'ס, מיינט ס'איז שפעט, אפילו אויב אין דעם שול גייט נישט קיינער מיט קיין האנט זייגער,

א ווינק מיט דער האנט, ווי מ'געט א פעטשל פאר א קינד, מיינט, בעל תפלה קענסט אנהייבן...,

צוזאמען קלאטשן די הענט, קען מיינען, נאכן הערן א שלעכטע בשורה אוי ווי, אבער אינמיטן ווארמען דאווענען קען עס מיינען אז דער דאווענער ווערט יעצט צופייערט.
כמו כן, עטליכע קלאטשעס, מיינט אז ס'איז שפעט, אבער אינמיטן ווארמען דאווענען קען עס מיינען אז דער דאווענער ווערט יעצט צופייערט.

אז ס'איז הייס אדער קאלט, איז גאנץ פשוט'ע סימנים, דאס איז פונקט ווי ווען ס'איז עכט הייס און עכט קאלט און מ'קען רעדן, אז ס'איז קאלט ציט מען זיך צוזאם די ביינער, און ס'איז הייס ווייזט מען אז מ'שוויצט.

א דריי מיטן גראבן פינגער ווי ביי פרעגט די גמ', מיינט לערנען, און מיט נאך א צוגעלייגטע סימן קען עס מיינען, מ'גייט באלד לערנען, כ'האב פריער געלערנט, יענער קען גוט לערנען וכו' וכו',

דעם אצבע פון מויל און ארויס אהין און צוריק, מיינט אז איך וויל רעדן מיט דיר, איין דריי מיטן פינגער צום קאפ, ווי ווען מ'ווייזט אויף איינעם ער איז א משוגענער, מיינט אהא איך פארשטיי שוין....,

אז מ'וויל זאגן – מרמז זיין אז מ'וויל יענען רופן אויפן טעלעפאן - סעלפאן, מאכט מען אזוי ווי מ'האלט דעם טרייבל און די האנט (די אמאליגע טרייבלעך..), כאטש וואס היינט האט יעדער א בלוי טוט, און אפי' די סעלפאן'ס כאפט מען אן מיט מער אפענע הענט ווי די היים טעלעפאנען, ווייל רובם ככולם זענען אזוי ברייטליך...

אז מ'וויל זאגן עפעס שמעקט נישט גוט דא, לייגט מען ארויף די הענט אויף דער נאז, און מ'דריקט דאס מיט די ערשטע 2 פינגער'ס,
אבער אנכאפנדיג די נאז אינאיינעם מיט א קני ווי ביי מודים, דאס מיינט שוין מקוה, ביסט געווען אין מקוה, יענער איז נאך אין מקוה, גיי אין מקוה....

ווען מען וויל איינעם גריסן און מ'קען נישט רעדן, געט מען א הייב די האנט, און דאס מיינט א גוטן...
מאנכע גריסן ווי אין דעם מיליטער, מ'סאלטירט מיטן האנט אויפן שטערן...

ווייזן מיט דעם ציגערעטל-פינגער אויפן מויל מיינט אז משנארט א ציגערעטל...

דריען מיטן האנט אויפן בויך, ווענדט זיך ווי דער חמר שטייט איין, אויב ער איז הונגעריג, מיינט דאס ער איז הונגעריג, אויב ער איז זאט, מיינט דאס אז ס'עסן איז געווען א מחי', און אזא פאל דארף מען זיך באניצן מיט עה... עהע... הנ"ל...

ארויף גיין סטעפס, איז שאקלען מיט די צוויי פינגער'ס, ווי מ'קיצלט א בעבי'...,

אלע פינעף פינגער'ס העכרן קאפ צו שאקלען, מיינט אז ס'רעגנט אינדרויסן...

A1, איז דאך פשוט אז מ'שטעקט ארויס דעם גראבן פינגער אויף ארויף, ווייל דאס ווייזט מען אפילו ווען מ'קען אויסרעדן, נאר אינמיטן דאווענען קען דאס ווערן אויסגעטייטשט אז דער בעל תפלה איז מעכטיג, אדער אז דו האסט געזאגט א גוט'ס...., (פארשטייט זיך אז דער זאגער קען נאך אויסרעדן און דו נישט...)

וואס נאך סימנים?....

אדרבה, לייגט'ס צו דער שטום שפראך, וואס ס'איז נאר מעגליך...

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי קורצע שטיקלעך פון דריי אשכולות, וואס שפילן זיך מיט ווערטער: נייע דעפיניציעס, ווערטער וואס קלינגען די זעלבע אין אידיש און אין ענגליש, און אידיש וואס רעדט ענגליש.

## א ווערטערבוך פאר פריש־דעפיניריטע ווערטער

### נהורא נפישא:

פיאנער – דער וואס טוט בשעת א צווייטער טראכט.
גלויבן אין זיך – די וויכטיגסטע טאלאנט אין לעבן.
שרייען – א מיטל פון פארטימלונג צו ערמעגליכן אריינצישמוגלען א דעה אן הסבר.
שווייגעניש – א שפראך וואס זאגט מער פון אלע שפראכן, און פארשפרעכט אייביג צו זיין אוניווערסאל.
זכרון – די מח'ס ארבעט פון כראנאלאגיזירן געדאנקען.
צייט – די טייערסטע זאך און לייכטסטע אויסצוגעבן.
ארדענונג – אן אילוזיע פון צופאסונג.

### פרייווויליג:

נהורא נפישא - א טייך וואס טוט פליסן אומאויפהערליכע שעפערישע געדאנקען; און עס ווערן אפגעדריקט דורך א פעדער געמאכט פון זיידן.

קאווע שטיבל • „ווערטערבוך פאר פריש-דעפיניריטע ווערטער“ • 8טן מאי 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10457.html

## הינט = כלב, HINT = רמז

**זר זהב:**

אפשר אביסעל נאריש.... באט אייל גיוו איט ע' שאט.

יעדער שטויסט זיך אן אסאך אין אזאנע ווערטער, יעצט אויפן מאמענט ליגט מיר 3 ווערטער אין קאפ.

הינט = כלב · HINT = רמז
מעל = קמח · MALE = זכר
פיס = רגל · FEES = געלט קאסטן.

יעדער איז געלאדענט צו צולייגן...

אה נאך איינס.
ניין = נישט · NINE = תשעה

**יידל:**

צו "הער", קען מען צולייגן Hare = אזא מין האזל.

גיפט = סם · Gift = א מתנה.
היט = כובע · Hit = א שטויס, זעץ, שלאגן וכו'
קי - א פרה · Key = א שליסל
שער = גזיזה · share = טייל

קאווע שטיבל • „זעלבע געזאגטע ווערטער אין אידיש/ענגליש מיט אנדערע באדייטונגען“ • 10טן מאי 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/597.html

## פליז קלאוז די רעדיא

**נס קאווע:**

א קאר סערוויס דרייווער האט מיר אמאל געפרעגט פאר וואס אלע יודן בעטן "פליז קלאוז די רעדיא", ס' האט מיר אויך גענומען א מינוט צו כאפן

**שמעקעדיג:**

מיין קאזין אין בעט שרייט פאר איר שוועסטער
"ברינג מי נעיל וואטער",
שרייט זי צוריק, "איי העוו יא אין די עטיק"....

**ציבעלע-קיגל:**

מעיק אפ די פענסטער

קאווע שטיבל • „פאריודישטע ענגליש אדער פארענגלישטע אידיש“ • 17טן אקטאבער 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1992.html

היסטאָריע

# הײַנט מיט . . . יאָר צוריק

וואָס האָט מען געשריבן אויף די פֿאָרומס אויף דעם זעלבן טאָג, דעם 16טן נאָוועמבער, אין פֿריערדיקע יאָרן? צוויי שטיקלעך וועגן שרײַבן: איינער ערקלערט אין 2004 פֿאַרוואָס ער האָט געקויפֿט אַ מעק, און אַן אַנדערער קריגט זיך מיט דרײַ פּינטלעך.

22

יאָר צוריק

2004

## דער חילוק פֿון PC און MAC

**יוסעלע** • הײַדפּאַרק • חדשות אנ"ש אין בילדער • 16טן נאָוועמבער 2004

איך האָב געוואוסט אַז איך וועל איין טאָג מוזן דאָ אָפּגעבן דין וחשבון!

פֿאַר איך הייב אָן וויל איך ענק זאָלן וויסן, אַז איך האָב גענוצט ווינדאָוס זייט 1995 אויף אַ 486 מיט ווינדאָוס 3, ביז ווינדאָוס עקס.פּי אויף אַ 1.8 גהז. פּענטיום 4. איך האָב דאַרכאויס די יאָרן זיך אַסאַך אויסגעלערנט עכ"פ ווען מײַנע פֿרײַנט האָבן געהאַט אַ פּראָבלעם האָב זיי שוין געוואוסט ווי צו רופֿן (הײַנט זאָג איך זיי אַלע קויפֿטס אַ מעק).

פֿאַר דרײַ יאָר צוריק האָב געסוויטשט צו די מעק פּלעטפֿאָרם ווען איך האָב געקויפֿט די דעמאָלטס פּריש אַנאַנסירטע איימעק פּלעט פּענעל, עס האָט פֿאַרמאָגט אַ 700 מהז. G4 פּראָסעסאָר (בערך אַזוי שנעל ווי אַ 1.4גהז. פּענטיום 4). אויף דעם איז געקומען מעק אָפּערעיטינג סיסטעם 10.1 קאָודנאָמען מײַנער איז געווען Puma הײַנט האַלט עס בײַ 10.3.6. יאַגואַר, אין 10.4 טײַער איז שוין באַלד אינטערוועגנס, וואָס דאַרף צו זיי די עקוויוועלענט פֿון לאָנגהאָרן וואָס גייט אַרויסקומען??? און אין אַ יאָר אַנדערטהאַלבן.

פֿאַרוואָס האָב איך געקויפֿט אַ מעק פֿון לכתחילה, איז ווײַל איך בין אַ גראַפֿיק דעזײַנער, און איך האָב באַקומען אַ דזאָב ווי איך האָב געדאַרפֿט אויס לערנען צו נוצן אַ מעק.

[פּאַרקירצט]

לגבי די וואָס נוצן יידיש:

איך בין מסכים, אָפּיס 2004 (מײַקראָסאָפֿט אַליינס האַלט אַז די מעק ווערסיע איז בעסער און מער פֿאַרגעשריטן פֿון די ווינדאָוס) קען נאָך נישט שרײַבן פֿון רעכטס צו לינקס.
איז אָסער דאָ אַ יידישע פּראָגראַם וואָס הייסט מלל Mellel, ריקאָמענדעד בײַ אַלע ריוויוערס.
חוץ פֿון דעם וויפֿיל פֿון אייך דאָ און די פֿאָרום האָבו געצאַלט פֿאַר ענקער קאָפּי פֿון אָפּיס, אַלעס איז אומלעגאַלע קאָפּיעס, אַזוי אויך מיט פֿונטס, יאָ איך האָב יידישע פֿונטס (רעגולאַר, שפּיגעלד, און ענגליש יידיש) מען קען עס קויפֿם דאַונלאָודן, (יאָ בחנם).

האַרדוועער איז נישט ביליג גערעכט, ווײַל יו געט פֿאַר וואָט יו פּעי פֿאַר, יעדע לעפּטאָפּ קומט מיט ווײַפֿיי בלוטוט אַריין געבויט, אַלע דעסקטאָפּ קומען מיט סאַטאַ האַרד דיסקס, טאָפּ אָף דע רעינדש, קיין בי עם דאַבליו קען מען אויך נישט קויפֿן פֿאַרן פּרײַז פֿון אַ פֿאָרד.

https://hydepark.sites.tab.bot/t/1186723.html

12
יאר צוריק
2014

## דריי פינטלעך

**רויטע וואנצעס** • קאווע שטיבל • א שמייכל • 16טן נאוועמבער 2014

מ'האט אייך געווארענט, בלוי אויף ווייס: דא איז סתם קאפ פארדרייעניש.

סתם געוואלט לאזן די מחשבות לויפן אן טראכטן. ממילא ווען איך וואלט דיר געווען עפעס שולדיג וואלט איך דיר באצאלט מיט עפעס א גוטס אין קונסט אדער אין וויסנשאפט. אבער ביסט דאך סתם א ליידיגייער פונקט ווי מיר וועסטו דארפן ליידן פון מיינע קאפריזן.

אייגענטליך, (אה, אן אינטעלעגענטער ווארט האט זיך דא ארייגעכאפט) וואט די העלל ווילסטו פון מיר יעצט האבן? איז נישט דא אויפן וועלט בעסערע שטותים צו ליינען? אה, האסט ליב אידיש. איך אויך, נא זאג עפעס.

...

דריי פינטלעך, דאס איז די גאנצע טינט דיין פעדער פארמאגט?!

לאמיך פרובירן פארשטיין, די ערשטע פינטל איז באמת א ליידיגע פינטל, אבער ס'פול כעת מיט דיין מרה שחורידיגער, שווארצער ווי קויל פוסטקייט. די צווייטע פינטל איז דיין שווארץ פינטעלע איד, די דריטע בין איך נישט זיכער צי ס'איז די דעסימעל פוינט אויף די ערשטע צוויי, אדער א דריטע נקודה דו מאכסט.

איך קלער אז ס'איז א דריטע נקודה, ווייל אויב נישט וואלט געדארפט זיין 4 פינטלעך, ווייל סיי נקודה א' דארף א דעסימעל פוינט און סיי נקודה ב'. זעט מיר אויס טאקע אז ס'איז דריי נקודות דו ווילסט דא מאכן, אבער קיין דיקדוק פאר קיין שווארץ יאר קענסטו נישט. אה אפשר איז דאס די דריטע שווארצע פינטל.

זארג נישט, איך בין אויך אנטלאפן באצייטענס פון דער קאפקע יואב כוכב אפטעמיסט דיקדוק קליקע. די חברה פלעגן מיר נישט לאזן שלאפן ביינאכט. למשל, ווען איך חלום ווי איך רעד צו איינעם און איך זאג אים "האב א גוטן טאג" שוועבן די חברה העכער מיר ווי שווארצע מלאכים. יואב אנפלעקט זיך מיט זיין פחדימ'דיגע ניק צורה און זאגט מ'ברויך באמת זאגן "האסט א גוטן טאג". אפטעמיסט ציפט ביי די אייער און שרייט ניין, "האב א גוט מארגן" ווייל טאג איז דאך א שם הכולל אויף סיי טאג און סיי נאכט. כוכב איז סתם ציניש און לאכט, ער וויל אפילו נישט זאגן וואס איז יא ריכטיג. קאפקע זאגט מיר איך האב א ליספ, און נישט קיין חילוק וויאזוי איך זאך עס ארויס, טויג עס נישט.

צו מאכן א קורצע מעשה לאנג, ס'איז נישט די איינציגסטע חברה וואס רודפן מיר. אין וויסנשאפט ווערט מיין מח געוואשן מיט נומערן, פלאנעטן און האלב אמת'ע קרומקייט. יידל ציט ביים נאז, בעת פארוואס?ס ניק שטויסט מיר צוריק צו דיקדוק. וואט די העלל איז די קוועטש מארק?? איז ער א גברא אדער א סענטענס, א פלאנעט אדער שטערן? שוין כ'האב ארייגעביסן אין עפל, די חברה לאכן פון מיין פראגעס דארט. יאיר זאגט איך בין געבליבן סטאק אין א ריווערס טיים קאפסול, ממילא בין איך נישט דורך עוואלוציע און איך טראכט נאך ווי א מאלפע.

...פארשטייסט?!

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7585.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

„לאשיצער“ האט ארויסגעגעבן א וויסנשאפטליכע ארבעט וועגן דעם וואו מען שטעלט אוועק דאסווארט „צו“: „אויסצולעקן“ אדער „צו אויסלעקן“? „מי אני“ האט אים באגריסט:

> א מורא'דיגער ארבעט! ממש אויף... אהעם... אויס"צו"לעקן.

**מי אני** • קאווע שטיבל • 15טן יוני 2020

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13880.html

**מקורות**

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפט־ארטיקל** | „אמעריקא און די אידישע שפראך“ · **ונבנתה העיר**<br>קאווע שטיבל · מייסטערווערק · אשכול „אידיש אין די פאראייניגטע שטאטן (אסיף)“ · 13טן נאוועמבער 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11081.html |
| **וויסנשאפט** | „נייער ארטיקל איבער דער שפראך פון ק"ש“ · **לאשיצער, רימון, ישראל קאפקע און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · שפראך און גראמאטיק · אשכול „נייער ארטיקל איבער דער שפראך פון ק"ש“ · 31סטן מאי – 15טן יוני 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13880.html |
| **איבערלעבונגען** | „ווען איך האב נישט וואס צו שרייבן“ · **זאלצוואסער**<br>זאלצוואסער · בלאג · אשכול „ווען איך האב נישט וואס צו שרייבן“ · 28סטן יאנואר 2013<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/225.html |
| **היסטאריע** | „צייטונגען – א בליק אויפן עבר“ · **לבונה זכה**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „צייטונגען – א בליק אויפן עבר און א טראכט איבערן הווה“ · 18טן אקטאבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4996.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „די שפראך וואס וואנדערט“ · **פרייוויליג, דעת תורה, שמערל און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · שפראך און גראמאטיק · אשכול „דער שפראך וואס וואנדערט“ · 10טן – 17טן יאנואר 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10009.html |
| **קולטור • ליטעראטור** | „פיקציע – שרייבן און ליינען“ · **ליטוואק פון בודאפעסט, מיימון און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קונסט · אשכול „פיקציע - שרייבען און ליינען“ · 5טן – 6טן נאוועמבער 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12690.html |
| **הומאר** | „שטום שפראך“ · **שאץ מאץ**<br>די ערשטע חסידישע בלאגס · שאץ מאץ · אשכול „שטום שפראך“ · 14טן אפריל 2010<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/36.html |
| **היינט מיט 22 יאר צוריק** | „דער חילוק פון PC און MAC“ · **יוסעלע** · הײדפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · 16טן נאוועמבער 2004<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1186723.html |
| **היינט מיט 12 יאר צוריק** | „דריי פינטלעך“ · **רויטע וואנצעס** · קאווע שטיבל · א שמייכל · 16טן נאוועמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7585.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א ווערטערבוך פאר פריש־דעפיניִרטע ווערטער“ · **נהורא נפישא / פרייוויליג** · קאווע שטיבל · „ווערטערבוך פאר פריש-דעפיניִרטע ווערטער“ · 8טן מאי 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10457.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „הינט = כלב, HINT = רמז“ · **זר זהב / יידל** · קאווע שטיבל · „זעלבע געזאגטע ווערטער אין אידיש/ענגליש מיט אנדערע באדייטונגען“ · 10טן מאי 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/597.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „פליז קלאוז די רעדיא“ · **נס קאווע / שמעקעדיג / ציבעלע-קיגל** · קאווע שטיבל · „פאריודישטע ענגליש אדער פארענלישטע אידיש“ · 17טן אקטאבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1992.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **מי אני** · קאווע שטיבל · 15טן יוני 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13880.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 19טן נאוועמבער – נומער 9, אויף פרשת ויצא. מאנטאג, דעם 23סטן נאוועמבער – נומער 10.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.